מַעֲשֶׂה

פון הַגָאון הַגָדוֹל בַּעַל הַמְחַבֵּר

ספר עוללות אפרים וספר כְלי יקר ·

וְוִיא עֶס אִיז מִיט אִים דֶער גַאנְגֶן פון זַיין גִיבָּארֶן
אָן בִּיז עֶר אִיז אוֹיף גִינוּמֶן גִיוָוארֶן פַר אֵיין רָב וְראֹש
יְשִׁיבָה אִין פְּרָאג ·

דִי מַעֲשֶׂה אִיז אַרוּם גִינוּמֶן גִיוָוארֶן פון פִּנְקָס פון דֶר
אַלְטֶע נַייֶע שׁוּל פון דֶער גְרוֹסֶער שְׁטָאט פְּרָאג ·
אוּנ אַנְדֶרִי מַעֲשִׂיוֹת פון גְרוֹסִי צַדִיקִים ·

הובא לביה"ד ע"י פייביל מאלדאווסקי

ווארשא

בשנת תרלח לפ"ק

MACE

т. е. расказъ

1877.

66

HARVARD UNIVERSITY LIBRARY

Дозволено Цензурою.
Кіевъ 18 Апрѣля 1877 г.

Въ Типографіи П. Ю. Лебенсона и Д. Фридмана,
на улицѣ Налевки № 9.

אין יאר פינף טויזנט דריי הונדערט איז געווען איין מענטש אין לאנד פולין ער הט געהייסן רבי אהרן דער רבי אהרן איז געווען זייער איין גאטס פארכטיגער זיין פרנסה איז געווען ער הט געהאלטן די הערענדי פון דעם דארף לונשיץ אין פולין ער הט געהאט זון אונ טעכטער דאס גליק איז אבער ניט דעם מענטשין אוף אייביגי אין בזו איין צייט איז רבי אהרן זייער פאר ארעמט געווארן ער הט ניט געהאט די ראטע צו צאלן דעם דוכוס וואס ער האט פון אים די הערענדי געהאלטן אונ איז פון פריער אויך זייער פיל שולדיג געווען איז דער דוכוס זייער בייז געווארן אוף איהם אין דער צייט ווען די פוילישע מלוכה הט רעגירט הט איטליכער אדער דער דוכוס אין זיינע גיטער געטאן וואס ער הט געוואלט אויך דיני נפשות הט ער אליין דן געווען האט דער דוכוס איין באפעהל געגעבן מען זאל דעם רבי אהרן מיט זיין ווייב אונ קינדער נעמין אין דער תפיסה אריין· פאר פולין איז געווען די תפיסה איין גרוב הט מען נעביך דעם גוטן רבי אהרן מיט ווייב אונ קינדער אין איין גרוב אריין געווארפן דער אכזר דער דוכוס הט באפולין מען זאל זיי קיין ...ין ניט צו לאזין אונ אלע מיסטן וואס מען וועט אלע טאג אוס קערין זאל מען אוף זיי ווארפן אין דעם גרוב אריין אזו לאנג ביז עס וועט ניט געצאלט ווערין וואס ער איז שולדיג אונ ווער עס וועט זיך אונטער שטעלן אונ יוא עסין געבין וועט זיין בלוט פר גאסין ווערין· בעת ההוא איז דאס ווייב פון רבי אהרן מעוברת געוועזין האט איינר פון דיא קעכט גרויס רחמנות בייא קומן אונ האט זיך דער בארימט איבר זייא פלעגט ער אלע טאג צו נעמן ברוט אונ וואסער פון דוכוס הויז בסוד אונ איז געגאנגן צום גרוב אונ האט זיך

גשטעלט

גשטעלט פין ווייבן אונ האט קיינעם ניט געזעהן האט ער דאס ברויט מיט דעם וואסר אריין גיווארפען אין גרוב אונ איז באלד אנטלאפען אזו האט דער קנעכט גטאן אלע טאג נאך מער האט דר קנעכט זיך צין גשטעלט זיין לעבן אונ האט געבעטן דיא איבריגע קנעכט זיא זאלין דאס מיכט ניט אריין ווארפין אין גרוב צריין רבי אהרן מיט זיין ווייב האבן ניט גוויסט ווער האט זיא דאס עסין צריין גווארפין :

נאך זעקס חדשים פון דעם תפוס נעמן האט זיין ווייב אן גהויבן צו קינד גיין אונ האט גהאט איין בן זכר טאקי אין גרוב וויא זייא זענין גיוועזן דאס קינד איז זייער שיין גוועזן זיין גלייכן איז ממש ניט גוועזן אויף דער גאנצר וועלט עס איז אין גרוב לעכטיג גווארן וויא דאס קינד איז אלט גווארן אכט טאג האט עס דער פאטער מל גוועזן אזו וויא גאט ברוך הוא האט גבאטן אין דער תורה אונ האט אים איין נאמין געגעבין שלמה אברים :

נאך דעם וויא דאס קינד איז אלט גווארן איין חודש האט זיך השם יתברך אן גהובן צו דר בארמן איבר רבי אהרן אונ זיין ווייב אונ קינדר ווי דער קנעכט איז גקומן אריין ווארפין דס עסין אזו ווי זיין מנהג איז גוועזן הט ער געזעהן איין גרוס לעכט ווס לייכט אין גרוב הט זיך דר קנעכט ניט גקענט אויף האלטן אונ איז גגאנגן צום גרוב אונ רופט אהרן וואס פאר איין לעכט איז מיט אייך אין גרוב הט אים רבי אהרן געענפערט איין זון הט מיין ווייב גיבוירן וואס זיין שינקייט געפינט מען ניט אין דער גאנצר וועלט דאס איז דאס לעכט ווס דוא זעהסט · הט זיך דר קנעכט אום גקערט אונ איז צהיים גגאנגן אונ האט פאר קיין שום מענטש גדאכט :

ויהי

ויהי אונ עס איז גווען דס אלע קנעכט זענין גשטאנן פאר דם דוכוס •
אונ דער דוכוס איז גזעסין אוף דר שטול אזו ויא זיין שטייגר
איז גווען האט דר דוכוס גפרעגט ווער ווייסט עפיס כון דעם יודין
מיט זיין ווייב אונ קינדר וואס זייא זענין שון מער פון אהאלב יאר
אין גרוב עס איז שון בוודאי קיין שום גדעכעניש פון זייא • האט דער
קנעכט גזאגט היינט בין איך גראד גגאנגין לעבין גרוב מיין וועג האב
איך גזעהין איין גרוס לעכט • האב איך מיך גקערט הין אונ אהער
האב איך דר זעהין כון דם גרוב שיינט דאס לעכט אזו בין איך
גגאנגן צום גרוב אונ אן גפאנגן צו שרייען אהרן אהרן • האט מען
מיר שון גענטפערט פון דם גרוב דא בין איך האב איך איהם אזו
גפרעגט אהרן דוא לעבסט נאך ענטפערט ער מיר לעבין אלע •
פרעג איך איהם ווער גיט אייך עסין האט ער גענטפערט איך ווייס ניט
נאר גאט ברוך הוא מיט זיין פיל דר בארימקייט איז אונז מכלכל.
ער ווארפט אונז אריין אלע טאג אונזער שפייז • פרעג איך איהם
וואס פאר איין לעכט איז אין גרוב • האט ער מיר ענטפר געגעבין
עס איז מיר גבורין גווארין איין בן זכר פון איהם שיינט דם
לעכט ער האט מיר גוויזין דאס קינד האב איך גזעהן אז ער
זאגט אֱמֶת :

ויהי אז דר קנעכט האט אוף געהערט צו רעדין איז דר דוכוס
זייער אין כעס אריין גקומן אונ זאגט ווי אזו טוסטו רעדין ווי
איין משוגע איז דען מעגליך איין מענטש זאל קענין לעבן זיבין
חדשים אן עסין האב איך דען ניט באפולין מען זאל איהם קיין
עסין געבין האט איהם דען ניט שון דם מיסט פאר דעקט וואס
איך האב גהייסין אלע טאג אין גרוב אריין שיטן ווער הט זיך
אונטר

אוּנְטֶר גְנוּמֶן מַיין בַּפֶעל נִיט צוּא הַאלְטֶן הָאט אִים דֶר קֶנֶעכְט גֶעֶנְטְפֶרְט ,עֶס אִיז אַזוֹ אֶמֶת וְויא אִיךְ דֶר צֵייל דִיר פָאְרט וָואס זָאלְסְטוּ נִיט גְלֵייבֶּן מַיין הַאר מִיר וְוייסֶען שׁוֹן פוּן לַאנְג אוּנ אוֹיךְ אוּנְזֶרֵי עֶלְטֶרֶן הָאבִּין דֶר צֵיילְט אַז דִי יוּדֶן טוּט תָּמִיד זֵייעֶר גָאט וואוּנְדֶר שֶׁלֹּא כְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע וָוארוּם זֵייעֶר גָאט פוּן זֵייעֶרֵי עֶלְטֶרִין הָאט זֵייא לִיבּ אִוייסְט דוּ דֶען נִיט אַז אֵיין מֶלֶךְ הָאט זֵייעֶר פָאטֶר אברהם גְוָוארְפֶן אִין קַאלֶךְ אוֹיבֶן אוּנ גָאט הָאט אִיהְם מַצִיל גְוֶועֶן אוּנ אוֹיךְ זֵייעֶר גָאט הָט גִישְׁפֵּייזְט זֶעקְס מָאל הוּנְדֶרְט טוֹיזֶנְט מַאן חוּץ וַוייבֶּר אוּנ קִינְדֶר אַז זֵייא זֶענִין פוּן מִצְרַיִם אַרוֹס גְגַאנְגִין אִין אֵיין וְויסְט לַאנְד וָוס דָארְט אִיז נִיט גְוֶועֶן גְזֵייעֶט פֶערְצִיג יָאר הָט זֵייא גָאט דָארְטֶן גְשְׁפֵּייזְט מִיט מָן אוּנ וַואכְטְלִין פוּן דֶם הִימֶל אַלֶע טָאג • פוּן אֵיין שְׁטֵיין הָאט זֵייא גָאט וַואסֶר גְגֶעבִּן אוּנ נָאךְ מֶער וואוּנְדֶר וָואס מֶען קֶען גָאר נִיט אוֹם דֶר צֵיילֶן דָס קֶען קֵיינֶר נִיט לֵייקֶענִין וַוייל ,עֶס אִיז אִין אוּנְזֶרֵי בִּיכֶר אוֹיךְ פַאר שְׁרִיבֶּן אַצוּנְר פַאר וָוס זָאלְסְטוּ נִיט גְלֵייבִּין אַז גָאט הָט דֶם אהרן אוֹיךְ גִשְׁפֵּייזְט מִיט נִסִים • תָּאטְשֵׁי דוּא הָאסְט גְהֵייסֶן דֶם גְרוּבּ מִיט מִיסְט פַאר שִׁיטִין וְוער קֶען וִויסֶן וְויא אַזוֹ גָאט הָט דֶם גְרוּבּ אוֹם גְרֵיינִיגְט עֶס זָאל אִים נִיט שָׁאדִין דֵיינֶע קְנֶעכְט הָאבִּין דֵיין גְזֵירָה בְּוַודַאי מְקַיֵים גְוֶועֶן גָאט הָט אָבֶּר אוֹיף אִים רַחֲמָנוּת גְהַאט אוּנ אוֹיף זֵיין קִינְד וָואס הָט בַּדַארְפְט גְבָּארִין וֶוערִין הָאט עֶר אִים נִסִים גְטָאן וִויא צוּא דֵיינֶע עֶלְטֶרִין אֶפְשַׁר ווילְסְטוּ מִיר נִיט גְלֵייבֶּן לָאז דֶר הַאר דוּכּוּס אַלֵיין גֵיין צוּא דֶם גְרוּבּ וֶועסְטוּ זֶעהְן אוֹיבּ אִיךְ זָאג לִיגְין אָבֶּר אֶמֶת • ויםהר הָאט דֶר דוּכּוּס גְאֵיילְט אוּנ הָאט גְהֵייסֶן אֵיין שְׁפַּאנִין זֵיין קַארִיטֶע אִיז עֶר מִיט זֵיין וַוייבּ הַדוּכְּסָה גְפָארֶן צוּ דֶם גרוב

גְרוֹב הָאט דֶר דוּכּוּס גְרוּפֶן אהרן הָאט ,ער גֶעֶנְפֶרְט דָא בִּין אִיךְ מַיין הַאר פְרֶעגְט אִים דֶר דוּכּוּס וֶוער הָט אַייךְ גֶגֶעבִּין אַיְיעֶר אוֹס גֶזֶעצְט בְּרוֹט אִיר זָאלְט מַאכִין לֶעבִּין אֵייעֶרִי לַייבֶּר הָט רבי אהרן אִיהְם גִיעֶנְפֶעְרְט מַיין גָאט אוּנ גָאט פוּן מַיינִי ,עֶלְטֶרֶן וָוס ,עֶר שְׁפַּייזְט פוּן דֶר גְרֶעסְטֶר חַיָה וָואס ,עֶר הֵייסְט רְאֵם בִּיז דֶם קְלֶענְסְטִין וֶוערְמִיל דֶר הָאט אוּנְז אוֹךְ גִשְׁפֵּייזְט דוּרְךְ וֶועמִין וַוייס אִיךְ נִיט זָאגְט דֶר דוּכּוּס וַוייז מִיר ,דֵיין קִינְד וָוס אִיז בֵּייא דִיר דָא גִבָּארִין גִוָוארִין הָאט אִים דִיא מוּטֶר גִוִויזֶן דָאס קִינְד :

ויהי אוּנ אַז דֶר דוּכּוּס מִיט דֶר דוּכסה הָאבֶּן גִזֶעהֶן דָס קִינְד אוּנ ,זַיין שֵׁיינְקַייט וָואס זַיין גְלַייכֶן אִיז אִין דֶר גַאנְצֶר וֶועלְט נִיט דָא הָאט זִיךְ דֶר דוּכּוּס מִיט דֶר דוּכְּסָה זֵייעֶר פַאר וואוּנְדֶרְט אוּנ דֶר דוּכּוּס הָאט ,קֵיין קִינְד נִיט גִהַאט הָאט גִזָאגְט דֶר דוּכּוּס צוּא רבי אהרן הֶער מִיךְ צוּא וָואס אִיךְ וֶועל דִיר זָאגֶן שֶׁענְק מִיר דָם קִינְד אִיךְ וֶועל אִים דֶר צִיעֶן ,ער וֶועט מִיר ,זַיין פַאר אֵיין זוּן אוּנ דֵיין נָאמֶן זָאל נִיט גְדַאכְט וֶוערִין אוֹף אִיהְם אֵייבִּיג אַז דוּא וֶועסְט אַזוֹ טָאן וֶועל אִיךְ אַייךְ פְרַייא אוֹס צִיעֶן פוּן דֶם גְרוֹב אוּנ וֶועל דִיר דִי הַארֶענְדֶע גֶיבִּין אוֹם זִיסְט אָן בַאטֶע וַוייל דוּ וֶועסְט לֶעבִּין :

ויהי וויא רבי אהרן הָאט גְהֶערְט דִי רֵייד מהדוכס:אִיז ,עֶר פַאר טוּמִילְט גִוָוארִין ,עֶר הָאט נִיט גִוְויסְט וָוס צוּ ,ענְטְפֶרִין הָט ,עֶר זִיךְ אִין הַארְץ גְטְרַאכְט אַז אִיךְ וֶועל נִיט וֶועלִין אִיהְם שֶׁענְקִין דָם קִינְד וֶועלִין מִיר דָא אַלֶע פַאר לָארִין וֶוערִין דֶען נִיט אַחָע טָאג מְרֶעפְט זִיךְ אֵיין נֵס עֶס אִיז בֶּעסִיר מַפְקִיר זַיין דָם קִינְד כְּדֵי מִיר זָאלֶן לֶעבֶּן בְּלַייבֶּן הָאט רבי אהרן גִזָאגְט צוּם דוּכּוּס גוּט אַזוֹ וִוי דוּ זָאגְסְט אַזוֹ וֶועל אִיךְ טָאן אוּנ הָאט אַרוֹף דֶר לַאנְגְט דָאס

קינד

קינד שלמה אפרים פון דעם גרויב האט דער דוכוס גאייליט אונ האט תיכף איין אם צו גנומן אונ מען האט דאס קינד גיבראכט צום דוכוס אין הויז אריין אונ יער איז צו אים געוועזן פאר איין זון אונ האט רבי אהרן מיט זיין ווייב מיט זיין גאנץ הויז גזינד פרייא גלאזט אונ דער דוכוס האט מקיים געוועזן וואס ער האט אים מבטיח געוועזן · דאס קינד שלמה אפרים איז געוועזן אין הויז פון דעם דוכוס זיין נאמן שלמה אפרים האט דער דוכוס פון אים אפ גטאן אונ האט אים איין אנדערן נאמן געגעבין דער דוכוס האט אים זייער ליב גהאט וואס מיין אטאג האט ער דאס קינד מעהר ליב גהאט זיין גאנץ לעבין האט גהאנגין אין דעם קינד ווען ער האט דאס קינד ניט געזעהין איין שעה האט ער ניט גקענט איין רועין דאס קינד איז עלטער געווארין האט מען אים אנטוויינט אונ דער דוכוס האט גמאכט איין גרוסע סעודה פר אלע שרים וואס זענין געוועזן אונטער זיין ממשלה גאט איז געוועזן מיט דעם קינד דער דוכוס האט גלאזט לערנין דאס קינד אלי חכמות וואס עס גפונט זיך אין דער וועלט ביז ער איז אלט געווארין צעהין יאר האט ער שון גקענט אלע חכמות האט אים דער דוכוס נאך ליבער גהאט ער האט מיט דעם קינד בייא זאמין געגעסין אונ גשלאפין דאס קינד האט גרופין דעם דוכוס טאטי אונ די דוכסה מאמי דאס קינד האט ניט גוואוסט צו ער איז געבארין פון איין ישראל ווייל דער דוכוס האט אן גזאגט מען זאל אים ניט אוס זאגין פון דער גאנצער זאך :

בימים ההם אין דער צייט איז רבי אהרן דער פאטער מהנער גשטארבן איז שון דאס ווייב מיט דעם גאנצין בני בית אוועק פון דער אוהרענדע מעש זייער נאמן איז פר געסין געווארין שון אויף דעם אורט :

אהרי

אחרי הדברים האלה · הט דר דוכוס גמאכט. איין גרוסן באל אוף אלע שרים · דיא שרים האבין אלע זייער גוואונדערט אוף דם שונקייט מהנער אונ נאך מער אוף זיינע חכמות. עס איז ניט גוועזן איין חכמה. ער זאל זיא ניט וויסן האבין זיי זיך אלע זייער גוואונדערט הט אים דר דוכוס נאך מער ליב גהאט :

ויאמר הנער הט גזאגט הנער צו די שרים. עס איז ניט דא איין חכמה ווס איך האב זיא ניט גלערינט אונ זאל זיא ניט גרינטליך פאר שטיין האט איינר פון דיא שרים גזאגט אל הנער איך בין גוועזן אין פאריז האב איך דארט גזעהן איין כלי זמר אוף איין גייע מאדע וואס אלי חכמת המוזיקא ווס אין אונזרי לענדר גפונן זיך ניט אום שטאנד צו שפילין אוף דם כלי זמר :

ויהי אז הנער הט דס גהערט הט ער גרוים חשק בייא קומין צו פארין קיין פאריז. ער זאל דארט לערנין נאך די חכמה אוך דר דוכוס האט אים ניט אפ גשלאגין דר פון אונ איז מיט אים גפארן קיין פאריז. ער זאל לערנין דארט די חכמה אין איין קערציר צייט הט דר נער די חכמה אויך אוים גלערינט הטבדר דוכוס אים גקויפט דם כלי שיר אונ איז מיט אים אהיים גפארין מיט גרוים פרייד הט דר דוכוס גמאכט איין גרוסין באל פאר אלי אנדרי דוכסים אונ שרים ווי זייא זענין אלי לוסטיג גוואורין פון דם וויין הט הנער אן גהובין צו שפילין אוף דם גייעם כלי זמר · ווס ער הט גבראכט פון פאריז האבן זייא זיך אלי שטארק גוואונדרט הט דר דוכוס אים נאך ליבר בעקומין :

ויהי כי ארכו הימים ביז הנער איז אלט גוואורין דרייצעהין יארגער

זאל

זאל היב זיין אן הייבן תפילין צוא לייגין אזו ווי די תורה
הקדושה הייסט. עס איז נאך גוועזן איין חודש צוא דרייצעהן יאר
והנער איז גשלאפן מיט דם דוכוס אין איינים אין איין בעטיל הט
זיך אים גחלומט אז איין אלטר מאן שטייט לעבן אים אונ זאגט אים
זאלסט וויסין אז איך ביז דיין פאטר אונ דו ביסט מיין זון דוא
הייסט מיט דיין נאמן שלמה אפרים אונ דר פאטר הט אים דר
ציילט גאר די גאנצי מעשה ווי אזו. עס איז מיט אים דר גאנגין
פון אנפאנג ביז לעצט אונ ווי אזו. ער איז גבורין גווארין אין גרוב
אונ זאגט אים ווייטר אין חלום זאלסט וויסין מיין קינד אז נאך אין
איין חודש ווערסטו דרייצעהן יאר ווערסטו שולדיג זיין תפילין אן
הייבן צו לייגין אונ אויך אין אלע מצות וואס אין דר הייליגר תורה
שטייט וואס גאט הט געגעבין די יודין אויף דם בארג סיני זאלסטו
זעהן מיין קינד זאלסט אנטלופין פון דם דוכוס אין איין ווייטי שטאט
אריין כדי זאלסט קענן ווידר איין יהודי בלייבין דו געהט מיט דר
צייט זיין איין גרויסר רב אונ היט דיך פון אצונד אפ פון דם יצר הרע
הט זיך הנער אויף געוואכט פון דם שלאף אונ הט דם חלום
אין גאנצין גדיינקט הט אים אן גהויבין זייער דס הארץ צו קלאפין
אונ הט איין שלעכט פנים באקומן הט אים דר דוכוס גיפרעגט
וואס האסטו אזו איין שלעכט פנים באקומן וואס ביסטו אזו
טרויעריג אבר הנער הט אים עפים פאלשי תירוצים געענפרט • אזו
הט זיך אים גחלמת אלע נאכט אונ אלע מאל מער. ער זאל זעהן
מאכן צו אנטרינן זיין לייב פון דאנין ווי. עס איז גקומן די וואך
ער הט שוין גזאלט בר מצוה ווערין הט אים דר פאטר אן
גהויבן צו שרעקין אונ שלאגן אין חלום הט זיך דר יונג אויף
גהאפט

גְתַאפְּט מִיט אֵיין גְרוֹס צִיטֶרְנִשׁ אוּנ מִיט אֵיין גְרוֹס גְוֵויין אוּנ הָט
דֶר צַיילְט דֶם דוּכּוּס דִי גַאנְצִי גֶשִׁיכְטִי אִיז דָם גְוֶוען אֵיין גְרוֹס
וואוּנְדֶר דֶם דוּכּוּס וַוייל עֶר הָט גְוואוּסְט אַז דִי גַאנְצִי זַאךְ אִיז
אֶמֶת פוּן דֶעסְט וֶועגִין הָט אִים דֶר דוּכּוּס אָן גְהוֹיבֶּן אוֹם צוּ רֵיידְן
אוּנ הָט אִים גְזָאגְט צוּ וָוס זָאלְסְטוּ מֵיינֶן אַז חלומות הָט עֶפִּיס
אֵיין כַּמָשׁוּת • פַאר וָואר אִיךְ הָאבּ דִיךְ גְמַאכְט גְווינֶן אִיךְ בִּין דֵיין
טַאטִי אַזוֹי אֵיין חכם וִוי דוּ בִּיסְט זָאלְסְטוּ גְלֵייבֶּן אִין חלומות •
הַנַער אָבֶּר הָט זִיךְ נִיט גֶקֶערְט צוּ זֵיינֶע רֵייד אוּנ זִיךְ נִיט גְלָאזְט
טְרֵייסְטֶן בְּשׁוּם אוֹפֶן:

ויהז אַז עֶס אִיז גְקוּמֶן דִי נַאכְט עֶר זָאל וֶוערִין דְרֵייצֶעהֶן יָאר אִיז
רבּי אהרן זֵיין פָאטֶר נָאךְ אֵיין מָאהל גְקוּמֶן צוּ אִיהֶם אוּנ הָט
אִים אֵיין גְרוֹסֶן פּחד גְמַאכְט מִיט שְׁלָאגִין הָט אָן גְהוֹבֶּן הַנַער זֵייעֶר
צוּ שְׁרֵייעֶן יֶעמֶרְלִיךְ הָט זִיךְ דֶר דוּכּוּס אִיבֶּר גְשְׁרָאקֶן פַאר זֵיין
גְשְׁרֵייא אִיז עֶר אוֹיף גְשְׁטַאנֶן אוּנ אִיז גְגַאנְגֶן אִין אֵיין אַנְדֶר חֶדֶר
אַרֵיין אַזוֹ אִיז הַנַער גְבְּלִיבֶּן גַאנְץ אַלֵיין אִיז דֶר פָאטֶר גְקוּמֶן בְּהָקִיץ
אוּנ הָט אִיהֶם נַאקִיט אַרוֹס גְנוּמֶן פוּן דֶם בֶּעט אוּנ הָט אִים
אַוֶועק גְטְרָאגִין קֵיין פְּרָאג אִין דֶר גֶעמְלִיכֶר נַאכְט אוּנ הָט אִיהֶם
אַנִידֶר גְשְׁטֶעלְט בֵּייא דֶר שׁוּל וָוס מֶען רוּפְט זִיא אַלְט נַייעַ שׁוּל
אוּנ הָט גְזָאגְט דָא זָאלְסְטוּ שְׁטֵיין בִּיז עֶס וֶועט טָאג וֶוערִין אַזוֹ וֶועט
קוּמֶן דֶר שַׁמֶשׁ עֶפֶנֶן דִי שׁוּל אוּנ וֶועט דִיךְ פְרֶעגִין וֶוער בִּיסְטוּ
זָאלְסְטוּ אִים עֶנְטְפֶערִין פִיר מִיךְ צוּם ראשׁ יְשִׁיבָה אַזוֹ וֶועל אִיךְ אִים
וָוס אִין מֵיין הארץ אוֹים זָאגִין אוּנ אַז דוּ וֶועסְט קוּמֶן צוּם ראשׁ
ישיבה זָאלְסְטוּ אִים דֶר צֵיילִין דִי גַאנְצֶע מעשׂה וִוי אַזוֹ עֶס הָט
זִיךְ מִיט דִיר גֶפִירְט פוּן דֵיין גְבוּרִין בִּיז אִין דֶר בַּר מִצְוָה אוּנ זָאלְסְט

אים

אִים דֶר צֵייטְ וִויא דוּ קוּמְסְט אָהֶער אוּנ אִיהְם זָאגֶן פוּן מֵיינִיט וֶועגֶן אַז אִיךְ הָאבּ אִיהְם זַיינֶער גְבֶּעטֶן עֶר זָאל מִיט דִיר לֶערְנִין אוּנ זָאל הַשְׁגָחָה גֶעבֶּן אוֹיף דִיר:

זבעת ההיא אִיז גֶוֶועֶן אַראשׁ ישׁיבה אִין פְּרָאג · רבינו הגדול גאון הגאונים מהר״ר יֶהוּדָע לֵיוָוע בעל המחבר ספר גור אריה וָוס וֶוערְט גְרוּפֶן מהר״ל מִפְּרָאג אוּנ אַזוֹ אִיז גֶוֶועֶן אַז עֶס אִיז טָאג גֶוָוארֶן אִיז דֶר שַׁמֶשׁ גְקוּמֶן עֶפִינִין דִי שׁ״ל הָט עֶר גֶזֶעהֶן אֵיין גֶאקִיט יוּנְגֶעל שְׁטֵיין הָט אִים דֶר שַׁמֶשׁ גִפְרֶעגְט וֶוער בִּיסְטוּ הָט אִים דָם יוּנְגֶעל גְזָאגְט פִיר מִיךְ אָפּ צוּם ראשׁ ישׁיבה הָט אִים הַנַּעַר דֶר צֵיילְט וָוס מִיט אִים הָט זִיךְ גֶפִירְט פוּן זַיין גְבוֹרִין בִּיז אַצִינְד וִוי זַיין פָאטֶר הָט אִים אָן גְזָאגְט אוּנ אַז עֶר הֵייסְט שׁלמה אפרים אוּנ הֵיינְט וֶוערְט עֶר בַּר מִצְוָה אַלְדִינְג הָט עֶר אִים דֶר צֵיילְט אַזוֹ וִוי מִיר הָאבֶּן גְשְׁרִיבֶּן:

ויקח אותו מהר״ל מִפְּרָאג · הָט אִים גְנוּמֶען דֶר ראשׁ ישׁיבה אוּנ הָט אִים אָן גְטָאן תֵּיכֶף קְלֵיידֶר אוּנ הָט אָן גְהוֹבֶּן מִיט אִים צוּ לֶערְנֶן אוּנ דֶר נַעַר שׁלמה אפרים מִיט זַיין בְּרֵייטֶען שֵׂכֶל אוּנ פִיל פַאר שְׁטַאנְד אוּנ זַיין הֵיילִיגֶע נשמה הָט נִיט לַאנְג גְדוֹיֶערְט אִיז עֶר גְוָוארֶן אֵיין מוּפְלָג גָדוֹל גְאַט אִיז גְוֶועֶן מִיט אִים אוּנ אַלֶע זַיינִי וֶועגִין הָט עֶר בַּאגְלִיקְט:

ויהי אוּנ אַז דֶר שׁלמה אפרים אִיז גְוֶועֶן בֵּייא דֶם מהר״ל מִפְּרָאג שׁוֹין צְוֶוייא יָאר הָט דֶר דוּכּוּס גֶדֶענְקְט אִין זַיין שֵׁיינְקֵייט אוּנ אִין זַיין חָכְמָה אִיז דֶר דוּכּ״ס שְׁרֶעקְלִיךְ קְרַאנְק גְוָוארֶן מַחֲמַת גְרוֹים לִיבְּשַׁאפְט אַלֶע דָאקְטוֹרִים הָאבֶּן גְזָאגְט עֶר קֶען אַנְדֶערְשׁ קֵיין רְפוּאָה נִיט הָאבֶּן סַיידֶן עֶר וֶועט גְרֵייבֶן דִי זַאךְ וָוס עֶר גְלִיסְט

אוֹדר

אודר ער זאל זיך גאר אויס די גדאנקן ארויס שלאגן אונ זאל מער די זאך ניט ברענגן אויף זיין הארץ קען ער געהיילט ווערן •

ויהי אז הדוכוס הט דס געהערט הט ער זיך פאר גנומן צו פארן אין דר וועלט אזו לאנג ביז ער וועט אים געפונן אונ עס איז אזו גוועזן דר דוכוס הט מיט זיך גנומן זייער פיל געלט אונ איז גפארן פון שטאט צו שטאט אונ פון דארף צו דארף צו זוכן את הנער אויף איטליכן ארט ווי ער איז גקומן אונ וועמן ער הט באגעגנט אויף דם וועג הט ער גפרעגט האט איר ניט געזעהן אזו איין יונג אזוי אונ אזוי איין פנים הט ער • הט אים איטליכר געענטפרט ניין עס הט גדויערט איין צייט אונ איטליכר הט גזאגט ניין מיר האבן ניט געזעהן אזוי איין יונג :

ויהי הדוכוס איז ווייטער גפארן הט ער באגעגנט איין בעטליר הט ער אים גפרעגט דו גייסט אויס אזוי פיל שטעט אונ דערפיר האסטו ניט געהערט אודר געזעהן איין נער אזו אונ אזו איז זיין געשטאלט הט אים דר בעטליר געענטפירט ניין איך ווייס ניט הט דר דוכוס אן געהויבן צו וויינן אונ אים געבעטין טאמיר ווייסט יוא עפיס פון דם נער הט אים דר בעטליר נאך איין מאל געענטפירט אז איך זאל וויסן וואלט איך דיר בוודאי גזאגט נאר איך וועל דיר איין עצה גיבין דא ניט ווייט אין וואלד זיצט איין מענטש ער וועט דיר בוודאי זאגין ווי ער איז נאר ווס ער וועט דיר הייסן טאן זאלסטו אים פאלגין הט דר דוכוס אזו גטאן אונ איז גפארן צו דם וואלד אונ הט אים דארט גטראפין הט דר דוכוס פאר אים גוויינט אונ געבעטין איך האב גיהערט אז דו ביסט איין גרוסר קינצער אונ הט אים דר גיילט עס איז פון אים פלוצלינג

איין נַעַר אַוֶועק עֶס גֵייט מִיר אִין מֵיין לֶעבִּין זָאג מִיר וִוי עֶר אִיז הָט אִים דֶר מֶענְטְשׁ גְזָאגְט בְּלֵייבְּט דָא בֵּייא מִיר אִיבֶּר נַאכְט וֶועל אִיךְ וִויסִין אִין דֶר פְּרִיא וָוס צוּ זָאגִין הָט דֶר דוּכוּס דָארְט אִיבֶּער גֶנֶעכְטִיגְט דִי נַאכְט אַזוֹ הָט דֶר מֶענְשׁ גְבְּרַאכְט אֵיין גַאנְצֶע נַאכְט מִיט כִּישׁוּף עֶס אִיז גְקוּמִין פְּרִיא זָאגְט עֶר אִיךְ וֵוייס שׁוֹין וִוי עֶר אִיז אִין פְּרָאג בֵּייא אֵיין הֵיילִיגִין רָב דֶר רָב הָט אוֹיף אִים זֵייעֶר גְרוֹיס אַיְּף אַכְט אוּנ הִיט אִים זֵייעֶר אָפּ עֶס זָאל אִים קֵיינֶער נִיט קֶענִין פוּן אִים אַוֶועק נֶעמִין נָאר אֵיין עֵצָה גִיבּ אִיךְ דִיר אוּבּ דוּ הָאסְט מִיט דִיר עֶפִּיס אֵייז זַאךְ וָוס דֶר נַעַר הָט תָּמִיד לוּסְט גְהַאט דֶר צוּ נֶעם דִי זַאךְ מִיט דִיר אוּנ פָאר קֵיין פְּרָאג הָט זִיךְ דֶר דוּכוּס דֶר מָאנְט אִין דֶם גִייֶען כְּלֵי זֶמֶר וָוס עֶר הָט פוּן פַּארִיז גְבְּרַאכְט אוּנ צוּ דֶם כלי זמר הָט דָס יוּנְגֶעל זֵייעֶר לוּסְט גְהַאט מִיט דֶם הָט עֶר אָפּ גְפִירְט דֶם גַאנְצֶן טָאג אַזוֹ הָט דֶר דוּכוּס תֵּיכֶף גְשִׁיקְט אַהֵיים נָאךְ דֶם כלי זמר הָט מֶען דֶם כלי זמר גְבְּרַאכְט אִיז הדוכוס מִיט דֶם מֶענְשׁ גְפָארֶן קֵיין פְּרָאג :

ויהי אַז זֵיי זֶענִין גְקוּמֶן קֵיין פְּרָאג אִיז שׁוֹין גְוֶועזֶן נַאכְט הָאבֶּן זֵיי גֶנֶעכְטִיגְט אִין אֵיין הַארְבְּרִיג והרב מהר"ל הָט שׁוֹין גְוִויסְט מִיט זֵיין רוח הקודש וָוס עֶס טוּט זִיךְ הָט הרב מהר"ל גְרוּפֶן אַלֶע זֵיינֶע תלמידים ויאמר אוּנ הָט גְזָאגְט הֶערְט אוֹיס מֵיינֶע תלמידים וָוס אִיךְ זָאג אֵייךְ אָז אִיר זָאלְט נֶעמֶן דֶם נַער שלמה אפרים אוּנ זָאלְט מיט אִים לֶערְנֶן דִי גַאנְצֶע נַאכְט נִיט אוֹיף הֶערֶן אוּנ אִיר זָאלְט דִי גַאנְצִי נַאכְט נִיט שְׁלָאפִין אַפִילוּ אַמִינִיט אוּנ צוּ הַאלְטִין שלמה אפרים מִיט גְוַואלְד עֶר זָאל אַגַאנְצִי נַאכְט נִיט אַרוֹיס גִיין

גֵייען אוּנ אַז עֶר וֶועט שְׁרַייעֶן אוּנ אֵייךְ בֶּעטִין אִיר זָאלְט אִים אַרוֹם לָאזֶן ווַייל עֶר בַּארְף פוּן זַיינִיט וֶועגִין זָאלְט אִיר אִים נִיט הֶערֶן אִיר זָאלְט אֵייךְ אוֹיף אִים נִיט דֶר בַּארֶמִין אוּנ אִיךְ וֶועל גֵיין אִין מֵיין חֶדֶר אַרַיין אַבִּיסִיל זִיךְ אָפּ רוּאֶן אִיז הרב מהרל אַוֶועק גִיגַאנְגֶען אוּנ דִי תַּלְמִידִים הָאבֶּן אַזוֹי גִיטָאן וִוי עֶר הָט זֵיי אָן גִיזָאגְט אוּנ הָאבֶּן זִיךְ גֶזֶעצְט מִיט שְׁלֹמֹה אֶפְרַיִם לֶערְנֶען אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ פוּן הרב מהרל אוּנ הָאבֶּן אִים שְׁטַארְק גִיהַאלְטֶן נֶעבֶּן זִיךְ ·

וַיְהִי בְּאִישׁוֹן הַלַיְלָה עֶס אִיז גִיוֶועז פִינְצְטֶער שְׁפֶּעט אִין דֶר נַאכְט אִיז גִיקוּמֶען דֶר דוּכּוּס צוּ פָארֶען מִיט דֶר קַארִיטֶע פַר דֶעם בֵּית הַמֶדְרָשׁ אַזוֹי הָט אָן גִיהוֹבֶּען דֶר מֶענְשׁ אָן צוּ צִינְדֶען דָם הַארְץ פוּן בַּנַער שְׁלֹמֹה אֶפְרַיִם עֶר זָאל אַרוֹיס גֵיין פוּן דֶעם בֵּית הַמֶדְרָשׁ אַזוֹי הָאבֶּן אִים דִי תַּלְמִידִים מִיט גְרוֹס קְרַאפְט צוּ גִהַאלְטֶן אוּנ הָאבֶּן אִים נִיט גִילָאזְט הָט עֶר אָן גִיהוֹבֶּ' צוּ שְׁפִּילֶן אוֹיף דֶעם נַייעֶם כְּלִי זֶמֶר וִויא שְׁלֹמֹה אֶפְרַיִם הָט גִיהֶערְט דָם קוֹל פוּן דֶעם כְּלִי זֶמֶר הָט עֶר זִיךְ אָן גִיהוֹבֶּען צוּ בֶּעטֶען בַּיי דִי תַּלְמִידִים זָאלֶן אִים אַרוֹם לָאזֶן זֵיי הָאבֶּן אָבֶּר צוּ זַיין גִיבֶּעט נִיט גִיקֶערְט וִוי דֶר הָט גֶזֶעהֶן אַז עֶר קָאן נִיט וֶוערְקִין הָט עֶר גִיבְּרַאכְט אֵיין שְׁטַארְקֶן שְׁלָאף אוֹיף אַלִי מֶענְשֶׁן ווָס אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ זֶענִין גִיוֶועז אִיז נָאר גִבְּלִיבֶּן דֶר נַעַר שְׁלֹמֹה אֶפְרַיִם ווָס אִיז נִיט גִישְׁלָאפֶן אוּנ אַז עֶר הָט דֶר הֶערְט נָאךְ אַמָאל שְׁפִּילֶן אוֹיף דֶעם כְּלִי זֶמֶר הָט עֶר אֵיין שְׁפְּרִינְג גִיטָאן צוּם פֶענְצְטֶער אוּנ הָט מִיט זַיין הַאנְט אוֹיס גִישְׁלָאגֶן דֶעם פֶענְצְטֶער אוּנ אִיז אַרוֹיס הָט דֶר דוּכּוּס אִים תֵּיכֶף גִחַאפְּט אִין דֶר קַארִיטֶע אַרַיין אוּנ זֶענִין מִיט אִים אַנְטְלָאפֶן אִין דֶעם הַארְבֶּערִיג אַרַיין וִויא דִי זַאךְ אִיז גִישֶׁעהֶן הָט הרב מהרל

מהרל אין שלאף דער פירט האט ער זיך אויף געוואכט פון דעם שלאף אונ איז געלאפן אין בית המדרש אריין האט הרב דער וויסט אלי שלאפן אונ שלמה אפרים איז ניטא האט זיי הרב מהרל אלי אויף געוועקט מיט איין גרוס ציטערניש אונ האט געטריגן מיט איין ביטער געשריי וויי וויי אויף דער היילגער נשמה וואס איז ווידער געפאנגען געווארן :

ויסע הדוכוס איז דער דוכוס געפארן אהיים ער זאל ברענגען איין שריפט אז הנער שלמה אפרים איז יוא זיין זון דער ווייל האט מען דעם נער אפ געגעבן צוריק להרב מהרל: אין דער האנט אריין האט הרב מהרל זייער מורא געהאט מאמיר וועט דער דוכוס יוא ברענגען פון מלכות פולין אז דאס איז זיין זון ווארום אויף איין נס טאר מען זיך ניט סומך זיין האט הרב מהרל גרופן דעם נער שלמה אפרים אונ האט אים גזאגט דו ווייסט זייער גוט וואס פר יסורים איך האב שוין גליטן דורך דיר אצונד מאמר קומט יוא דער דוכוס צוריק מיט איין שריפט פון פולין אז דו ביסט זיין זון לכן מיין קינד איז מיין ראט דו זאלסט גיין צום ראש ישיבה קיין פרעסבורג ער איז איינר פון מייני חשובי תלמידים ער זאל אויף דיר השגחה געבן אזו ווי איין פאטער אונ איך וועל דיר מיט געבין אבריף מיט מיין אונטער שריפט אונ וועל אים שרייבן אלץ וואס מיט דיר איז דער גאנגן השם יתברך וועט דיר העלפן האט הרב מהרל גבענטשט אים אונ האט אים געגעבן דעם בריף אין דער האנט אריין אונ האט אים אוועק געשיקט קיין פרעסבורג דעמאלט איז שלמה אפרים שוין אלט געוועזן זיבצן יאר ויהי אז דער שלמה אפרים איז געקומען קיין פרעסבורג אונ האט אפ געגעבן

גיגעבן די בריף פון הרב מהרל הט זיך דר ראש ישיבה זייער דר שראקן פון הערסט וועגין הט אים דר ראש ישיבה גזאגט מיין קינד זיץ דא ביי מיר איך וועל אוף דיר השגחה געבין איך זאל דיך אפ היטן זאלסט ניט אריין פאלן נאך אמאל פארבט דיך ניט איז שלמה אפרים גיזעסן אין פרעסבורג אונ זיין נאמן הט אן גיהויבן צו גיין אלי קאל גרעבר ביז ער איז זייער גרוס גוואָרן אונ גאט איז גיוועז מיט אים :

ויהי עס איז גיוועזן איין מענש אין פרעסבורג איין גרוסר עושר ער הט גינומן דעם שלמה אפרים צו זיך אין הויז אריין אונ הט אים גיגעבן עסן אונ טרינקען אונ אן גיקלייד מיט שיינע קליידר אזו ווי זיין אייגן קינד ווייל דר עושר האט קיין זכרים ניט גהאט נאר איין איינציגע טאכטר ער הט זיך פאר גנומן ער זאל זיך מיט אים משדך זיין איז שלמה אפרים גיוועזן אין דעם עושרס הויז דריי יאר הט דר נער זייער נושא חן גיוועזן ווער עס הט אים גיזעהן :

אחר הדברים האלה הנער שלמה אפרים פלוצלונג מצורע גוואָרן פון די פוס ביז צום קאפ האבן די דאקטורים גזאגט ער קען אנדרש ניט גהיילט ווערן חיידן ער זאל אלי טאג איי די זון גייט אויף אונ פר נאכט איי די זון פר גייט פארן אין שמאט שפאציר גארטן דארט זאל ער איין ערך פון צוויי שעה שפאצירן אונ זאל שמעקין דעם גוטן גשמאקווס דארט איז פון די גוטי גראזן אונ גוטי בוטר אזו זאל ער זיבן וואכן טאן וועט ער גיהיילט ווערן פון די קרעץ הט דר עושר אזו גטאן אלי טאג הט ער אים גשיקט מיט זיין קאריטע אונ מיט זיין משרת

 אין

אין שפאציר גארטן אזו ווי די דאקטורים האבן גיהייסן הט מען
גיזעהן ביישאנפערליך אז עס איז אלי טאג בעסיר וויא עס איז
גקומן שון דר לעצטר טאג איז דר משרת מיט הנער גיפארן צום
שפאציר גארטן הט זיך דר משרת גישטעלט מיט זיין קאריטע
נעבן טויער ווי מען גייט אריין אין גארטן איז הנער שלמה אפרים
גיגאנגן שפאצירן אזו ווי גוויינטליך ווי ער איז אזו אליין אריין
גיגאנגן הט ער זיך גשטעלט אונטר אבוים אונ הט אן גיהויבן
צו טראכטן מיט זיינער ווייניגער מחשבה מיט אזו אשטארק טראכטן
אז ער הט ניט כרגש גיוועזן ווי ער איז אונ איז אזו גישטאנן
אונ הט זיך פון דעם אורט ניט גירירט דר משרת הט גזעהן אז
ער זאמט זיך אונ קומט ניט צוריק הט דר משרת אן גיהובן צו
שרייאן אונ צו רופן ביי דעם נאמן שלמה אפרים עס ענפערט אים
אבר קיינר ניט איז דר משרת גיגאנגן אום זוכן אונטר דם בוים
מיט גרוסי גידאנקן הט זיך דר משרת גיטראכט ווס זאל איך
דא שטיין אזו איך קען אים ניט גיפונן מן הסתם גייט ער
ארום אין גארטן אודר ער איז אוף אנדר וועג אהיים גיגאנגן
אזו איז דר משרת אהיים גיפארן ווי דר משרת איז אהיים גקומן
הט אים דר בעל הבית גיפרעגט ווי איז שלמה אפרים הט אים
דר משרת דר ציילט די גאנצי מעשה הט זיך הבעל הבית
גטראכט מסתמא איז ער אוף איין אנדר וועג גיגאנגן אונ בלאנזיט
שלמה אפרים איז אבר טאקי אין גארטן גבליבן שפעט אין דר
נאכט ווי ער איז אזו גישטאנן טאקי אונטר דעם בוים פר טיפט
אין גידאנקן הט ער דר זעהן איין אלטר מאן שטייט פר אים אונ
זאגט צו אים גאט זאל דיך בענטשן זאלסט וויסן מיין קינד איך
בין

בין גקומן דיר זאגן וואס עס וועט זיך מיט דיר טאן די נאכט נאך
דו זאלסט דיך גאר ניט פארכטן ווייל גאט איז מיט דיר גאר וואס
איך וועל דיר זאגן דאס זאלסטו טאן אזוי האט דער זקן גנומן דעם
שטעקן אונ זאגט דא זאלסטו זיצן זאלסט דיך פון דאנען ניט רורן
ביז אין דער פרי אונ האט אים גזאגט אז דו זאלסט קיין ווארט
צו קיינעם ניט רידן אז איך וועל דא פון דיר אוועק גיין וועסטו
זעהן פערד מיט קארוטעס אונ זייער פיל חיל וואס דו האסט נאך
אין דיין לעבן אזוי פיל ניט גיזעהן די אלע וועלן פאר דיר דורך
רייטן אונ דורך גיין זיי וועלן שפילן אונ טראמייטרין אונ פויקן
אונ אויף דיר שרייען זאלסטו דיך פאר זיי ניט פארכטן דער נאך
וועט ווידר קומן איין אנדער מחנה מיט גרוס געטירעם אונ וועלן
ברומען אונ שרייען אונ וועלן אויף דיר ווארפן פיילן אונ שטיינער
זאלסטו דיך ניט פארכטן פאר זיי אונ אזוי וועט קומען די דריטי
אונ די פערדי מחנה דער נאך וועט קומן איין גרוסי מחנה וועלן
זיי זיין אן גיקלייד מיט פאנצערן מיט אזעלכע קולות וויא דיגערן
אונ בליצן אצונד הער צו וואס איך האב דיר אן גזאגט וועט דיר
גוט זיין אונ דער זקן איז פאר הולן גיווארן פון אים דער נער האט
דאס גיזעהן אונ גיהערט איז אויף אים גיפאלן איין גרויס פחד אונ
האט זייער שטארק אן גהויבן צו וויינן מיט איין ביטר הארץ נאר
ער האט זיך גשטארקט מיט דעם וואס דער זקן האט אים אן גזאגט
האט ער זיך גיזעצט אין עיגול אריין אונ האט בהעפט זיין מחשבה
וואס דער זקן האט אים מוסר גיוועזן אויף אמאל איז גיקומן איין
גרוסי מחנה מיט פערד אונ רייט וועגן אונ נאך מחנות מיט
פיל חיילות אונ אויך די לעצטי מיט איין קאריטע וואס זי

גלייבן

גלייבען איז ניט דא אויף גאר דער וועלט אין דער קאריטע איז געווען דער מלך אלי מתנות האבען אים זייער איבער געשראקען אונ געווארפען אויף אים פיילען אונ שפיזין אונ פארבטגי שטיינער זיי האבען אבער גאר אים ניט געקענט טאן ווייל הנער הט בהעפט זייני מחשבות צו די כוונות אזו ווי דער זקן הט אים מוסר געווען אז עס איז געקומען די מחנה מיט דעם מלך איז געווארען אזו איין שטורעם אז די ערד הט געציטערט אונ דער מלך איז מיט זיין קאריטע גלייך צו געפארען ווי שלמה אפרים איז געזעסען ער הט זיך אבער ניט גערירט אזו ווי דער זקן הט אים אן געזאגט הט דער דער מלך גערופען שלמה אפרים קום אהער צו מיר שלמה אפרים הט ער זיך גאר ניט געקערט צו זייני רייד הט דער מלך אן געהובען אים איבער צו שרעקען מיט אזעלכי פחדים ווס מען קען זיך גאר ניט משער זיין ער הט אים אבער גאר ניט געקענט טון ווייל ער הט קיין שליטה ניט געהאט:

ויהי אז דער מלך הט גערעט מיט אים הט ער אים איבער גערעט אונ הט אים אריין געזעצט אין קאריטע. אונ הט געזאגט צו שלמה אפרים זאלסטו וויסען אז איך בין דער ס״ם אונ די אלי מתנות זענין מייני אונ דו ביסט אצונד ביי מיר שון אין דער האנט איך זאל טאן מיט דיר ווס איך וויל נאר איך האב רחמנות אויף דייני יונגי יאר אונ אויף דיין גרויסן פר שטאנד איך וועל דיך לאזן אהיים גיין נאר די זאך זאלסטו טאן דם קלייני בלאט זאלסטו נעמן פון מיר אונ זאלסט מיר שווערן ביי גאט אז אלי טאג אלסטו לייאנן דם בלאט ווייל דוא וועסט לעבן אונ אוב דוא ווילסט ניט ביסטו אין מיין האנט אז שלמה אפרים הט געזעהן אז

עס איז קיין ברירה ניט האט ער דאס בלאז גנומן ביי אים אונ האט גישוואורן ביי גאט האט אים דער ס״ם גילאזט ווידער צוריק אין גארטן אריין אונ ער איז אליין גיבליבן אין גארטן ביז עס איז טאג גיווארן · הבוקר אור ווי עס איז טאג גיווארן איז שלמה אפרים אהיים גיגאנגין זייער מיט אטרויעריג פנים אונ איז שוין ניט גיגאנגען אין דער ישיבה אריין אזו ווי זיין מנהג איז גיוועזן האבן זיי אים גיפרעגט ווי ער איז גיוועזן אונ פאר וואס ער האט אזו איין שלעכט פנים · האט שלמה אפרים גיענטפערט ער איז איין גאנצי נאכט אריין אין גארטן גיבליבן האט ער זיך איבר גישראקן. עס איז גקומן דער אנדערר טאג שלמה אפרים גייט ווייטר ניט אין דער ישיבה אריין אונ אז דעם דריטן פערדן טאג האט מען שוין אן גהויבן אויף אים אכטונג געבן האט מען גזעהן אז ער איז שוין ניט מדקדק אין מצות אזו ווי פריר הכלל ער איז גאר פר קערט גיווארן גלייך עס איז גאר ניט דער שלמה אפרים וואס איז גיוועזן · איז זיין בעל הבית גיגאנגען צו דעם ראש ישיבה אין האט אים דער ציילט וואס עס טוט זיך אצונד מיט דעם שלמה אפרים האט דער ראש ישיבה גשיקט נאך אים · האט ער ניט גיוואלט גיין האט דער ראש ישיבה נאך איין מאל גישיקט אונ מען האט אים גבראכט · האט אים דער ראש ישיבה גיזאגט אין דיין פנים דער קענט מען אז דו ביסט איין אנדערר מענטש גיווארן האט שלמה אפרים גישוויגן אונ האט אים גיט גיענפערט זאגט אים דער ראש ישיבה דער צייל מיר דייני בגעגעניש וואס מיט דיר איז דער גאנגען האט ער אים קיין ווארט ניט געענפערט · האט דער ראש ישיבה גיזאגט איך בין אויף דיר גוזר דוא זאלסט מיר אויז דער ציילן אונ זאלסט פר מיר דעם גאנצן אמת

זאגן

זאגן הט שלמה אפרים אן גהובן צו וויינן אונ הט אים דר ציילט וס מיט אים איז אין גארטן דר גאנגן פון גרוס ביז קליין אינ הט גיוויזן דס בלאט וס מען הט אים גיגעבן ווי דר ראש ישיבה הט אויף גיעפנט דס בלאט הט ער אן גיהאפט זיך ביי די האר אונ גישריגן · מיט איין יעמרליך קול ווי אזו הייליגי נשמה זאל אזו גיהאפט ווערן אין דר האנט ארין הט דר ראש ישיבה גישווינד אוס גיקליבן צעהן תלמידים אונ הט זיי גילערנט ווי אזו זיי זאלן זיך טובל זיין אונ זענין גינאנגן מיט אים צו דער מקוה · דר הימל איז גיווארן פיל מיט וואלקן אונ איין גרוסר רעגן הט אן גהובן צו גיין מיט איין גרוסן שטארם · אונ נאך דעם זענין אלי אהיים גיגאנגן צום רב מיט גרוס שמחה וס מען הט שלמה אפרים מציל גיוועזן זיין הייליגע נשמה אונ מציל גיוועזן פון דר שבועה וס ער הט גישווארן אז ער זאל אלי טאג לערנן אום דעם בלאט דס בלאט איז פר ברענט גיווארן דר נאך האט גיזאגט הרב ראש ישיבה צו שלמה אפרים דו האסט גיזעהן וס מיט דיר איז דא ביי מיר דר גאנגן ווייסט וס עס קען ווייטר נאך אמאל עפיס זיך טרעפן מיט דיר איך קען אזו פיל מלחמה ניט האבן איבר דיר איך האב מיר איין מאל מיין לעבן איין גשטעלט איבר דיר אצונד קער דיך צוריק קיין פראג צו אדמו״ר הרב מהרל וס ער וועט דיר אצונד זאגן וס דו זאלסט טאן זאלסטו דיך ניט אוועק נייגן פון זייני רייד ליטין אוי לשמאל דען זיין כח איז זייער גרויס ער זאל דיך אפ היטן פון אים אונ איין בריב וועל איך דיר מיט געבן צו אים אונ וועל אים שרייבן וס מיט דיר איז דא דר גאנגן אונ וס מיר האבן גיטאן ווי אזו דיך מציל צו זיין ·

זיין והנער שלמה אפרים האט אן גיהויבן גרוס תשובה צו טאן
אויף די טעג וואס ער האט פר בראכט אונ ער האט ווייער גאט געבעטן
ער זאל אים מוחל זיין זייני זינד :

וישלח האט הראש ישיבה אוועק גישיקט שלמה אפרים מיט איין
בריף קיין פראג להרב מהרל וואס דא איז פאר גיגאנגן אונ
הנער שלמה אפרים איז אין דער צייט אלט גיוועזן ניינצען יאר •
איז גקומען שלמה אפרים צו הרב מהרל מפראג אונ האט אים
גיוויזן דעם בריב מהרב מפרעסבורג אונ האט אים אויך אליין
דער ציילט מקטן ועד גדול האט הרב מהרל גיזאגט נא אצונד
זאלסטו טאן וואס איך הייס דיר וועט גאט דיר העלפן אונ דוא
ווערסט ביי גליקן זאלסטו תיכף פארן קיין לבוב אונ דארטן זאלסטו
קיין שום מענטשן ניט זאגן אז דו ביסט איין זכן זאלסט דיך אזוי
פר בארגן אז איטליכר זאל מיינן אז דו ביסט איין עם הארץ
אונ זאלסט דיר זוכן דיין פרנסה אבר פון דער נידריגסטער
מלאכה אונ דארט וועט דיר השם יתברך צו שיקן דיין זיווג אזוי
ווי דו ביסט ווערט איין גרויסי צניעה והסידה זאלסט אזוי פר
בארגן זיין מיט דיין תורה אונ יראה עס זאל זיך קיין מענטש ניט
שטויסן אויף דיר אזוי זאלסטו זיין פר דעקט ביז עס וועט קומען די
צייט פון מיין פטירה וועל איך געבן צו די אנשי פראג בכתב
אויף דיר אז דו זאלסט נאך מיר זיין אין פראג רב וראש ישיבה
אונ זאלסט זיצן אויף מיין שטול אונ זאלסט דיך ניט לאזן בעטן
תיכף ווי מען וועט קומען נאך דיר קיין לבוב אונ וועסט זעהן מיין
טריפט זאלסטו תיכף דס רבנות אן נעמען אונ ביז דו וועסט קומען
קיין פראג זאלסטו פר קיינם ניט מגלה זיין וואס מיט דיר האט זיך גיטאן •

וויעש

ווִיעשׂ הָט הנער גִיטָאן אַזוֹ ווִי הרב מהרל הָט אִים גְזָאגְט אונ אִיז אַוֶועק גְפָארְן. קַיין לְבוּב אונ אִיז דָארְטְן גִיוָוארְן אַיין טְרֶעגֶר אונ. קַיין מֶענְטְשׁ הָט נִיט גִיוְוּסְט ווָס. עֶר אִיז. עֶר הָט זִיךְ. זַייעֶר פַר בָּארְגְן מִיט זַיינִי גוּטִי מַעֲשִׂים אונ מִיט זַיין תּוֹרָה אונ הָט גִינוּמֶן אַיין ווַייבּ אַזֶעלְכִי ווָס הָט גִיקֶעקְרְט צוּ אִים זִיא אִיז גִיוֶועזְן אַיין טְרֶעגֶערְס טָאכְטֶער זִי אִיז גִיוֶועזְן אוֹיךְ. אַיין פַר בָּארְגֶנִי צְנוּעָה ווִיא. עֶס אִיז גִיוֶועזְן נָאךְ דֶר חֲתוּנָה הָט. עֶר זִיךְ גְקוֹיפְט אַיין קְלַיין הַייזִיל מִחוּץ לָעִיר אונ הָט זִיךְ גְמַאכְט אַיין פַּרְנָסָה:

בימים ההם · אִין דֶר צַייט הָט. עֶר אָן גִיפַאנְגֶען מְחַבֵּר זַיין דָם טַייֶערִי סֵפֶר עוֹלְלוֹת אֶפְרַיִם. קַיין מֶענְטְשׁ הָט דֶר פוּן נִיט גִיוְוּסְט · אוֹיף אַלִי קָאנְטְרַאקְטֶן ווָס עֶר הָט גִימַאכְט מִיט דִי מְשָׁרְתִים אִיז גִיוֶועזְן. זַיין אוֹתְמֶער שְׁרִיפְט אֶפְרַיִם עוֹלְלוֹת אַזוֹ אִיז רבי שלמה אפרים גִיוֶועזְן פַר בָּארְגֶן מִיט. זַיין תּוֹרָה וְיִרְאָה אִין לְבוּב בִּיז שנת שׁג לפק אִין דֶר צַייט הָט גִיגְרַייכְט דִי פְּטִירָה מהרב מרן מהרל זל הָט. עֶר. זַיין צַוָואָה גִיגֶעבְּן לאנשי פראג זַיי זָאלְן פָארְן. קַיין לְבוּב אונ דָארְט אִיז דָא אֵיינֶער ווָס הֵייסְט רבי אפרים עוֹללוֹת דֶעם זָאלְט אִיר אוֹיף נֶעמֶען פַר אַיין רָב. עֶר זָאל זִיצְן אוֹיף מַיין שְׁטוּל. עֶר זָאל. זַיין אַיין ראש ישיבה אִין פְּרָאג הָאבְּן דִי שְׁטָאט לַייט אוֹס גִיקְלִיבְּן צְווַיי אֲנָשִׁים הֲשׁוּבִים אִינ הָאבְּן מִיט גִינוּמֶן גְנוּג גֶעלְט אוֹיף הוֹצָאוֹת אונ. זֶענִין גִיפָארְן.. קַיין לְבוּב אונ. זֶענִין אַרַיין גְפָארְן אִין אַיין הַארְבֶּערִיג אַרַיין אַזוֹ ווִי הֶער שְׁטַייגֶער אִיז · הָט דֶר בַּעַל הַבַּיִת גִיפְרֶעגְט דִי צְווַיי מֶענְטְשֶׁן ווָס אִיז אַייֶער גִישֶׁעפְט ווָס הַאנְדֶלְט אִיר דָא הָאבְּן דִי מֶענְטְשֶׁן גִיעֶנְטְפֶערְט מִיר. זֶענִין נִיט. קַיין סוֹחֲרִים אונ מִיר. זֶענִין נִיט גְקוּמֶן דָא הַאנְדְלֶן מִיר. זֶענִין גְקוּמֶן צוּם רַב הַגָּאוֹן

רבי

רבי אפרים עוללות מיר ווילן אים אויף נעמן פר איין רב אונ ראש ישיבה קיין פראג · איז די זאך גיוועזן ווי איין גילעכטער אין די אויגן פון דעם בעל הבית אונ זאגט מיט גרוס גילעכטער פון מיין יוגנט אן ביז היינטיגן טאג האב איך נאך ניט גיהערט דא אין לבוב זאל זיך גיפינען איין רב הגאון ער זאל הייסן רבי אפרים עוללות זענין די צוויי מענטשן גיבליבן שטיין פר ווינדערט אונ האבן גזאגט מיר זענין דאך גגייט אים צו זוכן טאמר גפינט ער זיך יוא האט דר בעל הבית נאך שטארקר גלאבט האט דר משרת דר הערט ווי זיי רײדן אזו זאגט ער צו זיין בעל הבית זיי מיינן אוודאי אפרים ייעטשניק ער איז זייער איין פרומר מאן ער תתמיט זיך אפרים עוללות האט דר בעל הבית אן גישריגן אויף דעם משרת אונ זאגט ווס מאכסטו גישפעט אוס די מענטשן זיי זענין יוא חשובי מענטשן דר אפרים ייעטשניק האטשי ער תתמית זיך אפרים עוללות ער איז אבר איין גרובר עם הארץ איין בור אונ זיי זאגן רב וגאון האט דר משרת גיזאגט נוא וויים איך ניט פון קיין אנדרן אפרים עוללות חוץ אים :

ויהי אז די צוויי מענטשן האבן גיהערט די רייד פון דעם משרת האבן זיי פר שטאנען אז דס מוז עפיס זיין איין פר בארגני זאך אזו האבן זיי גיזאגט צו דעם משרת מיר וועלן דיר געבן פר דיין וועג זאלסטו אונז פירן אונ ווייזן ווי ער זיצט דר ווס הייסט אפרים עוללות איז דר משרת מיט זיי גיגאנגן אונ האט זיי גיוויזן דס קליינ׳ הייזל ווי ער זיצט האבן די מענטשן גיזעהן איין גידרנג צו בראכן הייזל אונ אין שטוב גיפונט זיך גאר ניט נאר איין צו ריסן סידור אונ זיין ווייב מיט די קינדר גייען זייער אפ

גְרִיסְן אֵיין לַאטִי אוֹף דֶר אַנְדֶערֶר אוּנ .עֶר אַלֵיין אִיז נִיט גִיוֶועְ'
אִין דֶר הַיים הָאבְּן .זַיי גִיפְרֶעגְט זַיין וַוייבּ וִוי אִיז דַיין מַאן הרב
הגאון הָט דָס וַוייבּ אָן גִיהוֹבְּן צוּ לַאכְן אוּנ זָאגְט צוּ זַיי אִיךְ
בֶּעט אֵייךְ אִיבֶּר אִיר זָאלְט נִיט שְׁפֶּעטְן אוּם מֵיין מַאן וָוס אִיר
רוּפְט אִים הרב הגאון .עֶר פַר שְׁטֵייט נִיט אִין אֵיין סֵפֶר .עֶר
אִיז אַצוּנְד אִין וַואלְד אַרַיין גִיגַאנְגֶען אַבִּיסֶל הָאלְץ אָן הַאקְן אִיךְ
זָאל הָאבְּן מִיט וָוס עֶפִּיס צוּ .קָאכְן .עֶס הָאבְּן אֵייךְ שְׁפֶּעטֶרְס
גִסְחְט זָאגְן אוֹף מֵיין מַאן אַז .עֶר אִיז הרב הגאון הָאבְּן דִי צְווַיי
מֶענְטְשֶׁן גִיזָאגְט צוּ אִיר מִיר שְׁפֶּעטְן · נִיט פוּן דַיין מַאן נָאר דֶר
אֱמֶת אִיז אַז מִיר וְוייסְן אַז דַיין מַאן אִיז יוֹא הרב הגאון וקדוש
מִיר בֶּעטְן דִיךְ גֵיי אוּנ רוּף אִים מִיר הָאבְּן צוּ אִים .זֵייעֶר אֵיין
גְרוֹסִי זַאךְ דִי אִשָּׁה הָט אִין בּוֹךְ גִישְׁפֶּעט אוּם זַיי פוּן דֶעסְט
וֶועגְין הָט אִיר דִי .רֵייד אֵיין גְרוֹסְן אֵיין דְרִיק גִימַאכְט צוּ וִויסְן
וָוס דָא וֶועט דֶר סוֹף .זֵיין אִיז זִי גִיגַאנְגֶען רוּפְן אִיר מַאן :
וַיְהִי אַז אִיר מַאן אִיז גִיקוּמֶען אַהֵיים אִיז .עֶר גִיגַאנְגֶען .זֵייעֶר אִין צוּ
רִיסֶענִי קְלֵיידֶר אוּן אֵיין בּוּנְד מִיט הָאלְץ אוֹף .זֵיין אַקְסִיל
אוּנ מִיט דִי מֶענְטְשֶׁן .קֵיין וָוארְט נִיט גִירֶעט אוּנ הָט .זַיי .קֵיין שָׁלוֹם
נִיט גִיגֶעבְּן הָאבְּן דִי מֶענְטְשְׁן אָן גִיפַאנְגֶען אוּנ הָאבְּן אִים גִיזָאגְט
רַבֵּינוּ דוּ הָאסְט אֵיין בְּרִיף פוּן מרן הרב מהרל מִפְּרָאג וִוי רבי
שלמה אפרים הָט דֶעם בְּרִיף אִיבֶּר גִילֵייאֶנְט הָט .עֶר צוּ רִיסְן נָאךְ
מֶער דִי קְלֵיידֶר אוֹף זִיךְ אוּנ זָאגְט וֵוויי וֵוויי דֶר רֶבִּי אִיז שׁוֹין נִיט
דָא אוּנ הָט .זֵייעֶר שְׁטַארְק גִיוֵויינְט אוּנ הָט אִים אָן גִיהוֹבְּן צוּ
בְּקְלָאגְן וִוי דִי מֶענְטְשֶׁן הָאבְּן גִיזֶעהֶן זַיין וֵויינֶען אוּנ קְלָאגְן הָאבְּן
זַיי שׁוֹין .זִיכֶר גִיוְווּסְט אַז אִים הָט הרב מהרל זל גִימֵיינְט .עֶר
זאל

זאל זיין רב וראש ישיבה דר נאך האבן זיי מיט אים אן גהובן צו שמיסן וועגן דעם רבנות האט ער זיי געענפערט די זאך איז רעכט פר מיר איך בין גיגייט מקיים צו זיין וואס דר רבי האט גיהייסן נאר ווי אזוי קאן איך פארן אין אזו אגרויסר שטאט אריין פר איין רב וראש ישיבה אז איך און מיין ווייב און מיין גאנץ בני בית גייען אזוי אפ גריסן האבן די מענטשן תיכף ארוס גנומן פינף הונדערט רייניש אונ האבן אים גיגעבן ער זאל זיך און זיין ווייב און דם גאנצי בני בית בייא קליידן אונ קופן צירונג עס זאל זיין לכבוד האט רבי שלמה אפרים דם גנומן אונ זאגט צו זיי איך נעם אן דם רבנות נאר איר זאלט קיינם ניט זאגן וואס איר זענט גקומן אונ איך וועל מיר ביסלך ווייס קופן קליידר אונ צירונג ביז דרייא חדשים נאך די דרייא חדשים זאלט איר ווידר קומן וועל איך מיט אייך פארן קיין פראג האבן די מענטשן גיטאן אונ זענין פון אים אוועק גיגאנגן מיט איין פרייליך הארץ די מענטשן זענין אהיים גיפארן אונ האבן קיין מענטשן ניט גידאכט פון דר גאנצר זאך ווי זיי זענין אוועק גיפארן איז רבי שלמה אפרים מיט זיין ווייב גיגאנגן אין די גאסן אריין איין צו קופן איינצנג ווייס קליידר אונ צירונג טייערי :

והנה ניט ווייט פון לביב איז גיגנבת גיווארן בייא איין גרויסן שר איין גרויסי גנבה היינו פון טייערי זאכן אונ אויך פיל מזומן געלט ווי מען האט גיזעהן אז רבי שלמה אפרים וואס ווערט גרופן אפרים ייעטשניק אז ער קויפט אלי טאג טייערי זאכן האבן אלי גזאגט ניט אנדערש נאר די גרויסי גניבה איז אים גיקומן אין דר האנט אריין די זאך איז אן גקומן צו דעם שר וואס מען האט אים

ביי גנבת הט מען רבי שלמה אפרים אין קרעמנאל אריין גנומען מיט זיין ווייב אונ קינדר אונ ווס מען הט גיפונן ביי אים הט מען צו גינומען איז רבי שלמה אפרים גיזעסן אין קרעמנאל. עס הט זיך אוס גילאזט די דריי חדשים ווס. ער הט די צוויי מענטשן פון פראג צייט גגעבן די מענטשן זענין גקומן. קיין לבוב זאלן אים שון ארוס נעמן. קיין פראג אויף דעם רבנות זענין זיי איין גשטאנן אין איין גאסט הויז האבן זיי גיפרעגט אויף אפרים ייעטשניק הט מען. זיי דר צייל׳ט אז אפרים מיט זיין ווייב אונ. קינדר זיצט אין. קרימנאל איבר איין גרויסי גנבה ווס. ער הט גיטאן אינ מען איז גיוואר גיווארן פלוצים. וייל. ער הט אן גיהויבן צו קויפן טייערי קליידר אונ צירונג ווי די מענטשן האבן דס דר הערט זענין זיי גיגאנגן אין קרימענאל אריין אונ האבן גיזאגט אז. זיי האבן אים גיגעבן דס געלט אז. ער זאל זיך איין קויפן פר זיך אין פר. זיין ווייב. קליידר אונ צירונג אונ האבן גישוואורן אויף דעם אונ האבן נאך אוס גיוויזן מיט דעם. ערשטן משרת ווס. ער הט. זיי אפ גיפירט צו אים אונ האבן דר צייל׳ט די גאנצי מעשה הט דס קרימנאל ריכט גיזעהן אז. ער איז ניט שולדיג אין דר דאזיגר זאך אזוי הט מען אים מיט זיין. ווייב אונ. קינדר פריי ארוס גיראזט אונ מען הט אים אפ גגעבן ווס מען הט ביי אים פריער צו גנומען אונ דר נאך האבן די אנשי פראג אים גינומען אונ זענין מיט אים גיפארן. קיין פראג אזוי איז אים גאנץ פראג אקעגין גיגאנגן אונ האבן אים אריין גיפירט אין שטאט אריין בכבוד גדול אונ האבן אים גיזעצט אויף דר שטול פון רבנות דענסט מאל הט ער מסיים גיוועזן דעם טייערן ספר עוללות אפרים אונ. ער הט. זיי

דר

צייל֞ט די חֲסָדִים וָוס גָאט הָט אִים גְטָאן פוּן זַיין גִיבָּארֶן אָן בִּיז עֶר אִיז אַצוּנְד ראֹש יְשִׁיבָה גִיוָוארֶן אוּנ דָס אִיז גִיוֶועֶן שְׁנַת שלג ליצירה השי״ת זָאל בִּזְכוּת הצדיק הזה טָאן מִיט אוּנְז כָּל יִשְׂרָאֵל חֲסָדִים מִיר זָאלֶן אוֹיךְ קֶענֶין דֶר צֵיילֶן דִי חסדים וָוס גָאט הָט מִיט אוּנְז גִיטָאן פוּן אָן הוֹבּ גָלוּת עַד בִּיאַת הַמָשִׁיחַ בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן :

מַעֲשֶׂה

אִין דֶר שְׁטָאט לוּבֶּזֶענְץ אִיז גִיוֶועֶן אֵיין רַב עֶר הָט גִיהֵייסֶן רַבִּי שְׁמוּאֵל אוֹיךְ אִין דֶר שְׁטָאט אִיז גִוֶועֶן אֵיין קְלֶעגֶר וָוס הָט גִיהַאט מַחֲלוֹקֶת מִיט דִי הוֹפְט לֵייט אִין דֶר רב הָט גִיהַאלְטֶן מִיט דִי הוֹפְט לֵייט אִיבֶּר דֶעם אִיז עֶר גִיוָוארֶן אֵיין גְרוֹסֶר פֵיינְט דֶעם רב הָט עֶר דֶעם רב בַּקְלָאגְט צוּ דֶעם שַׂר פוּן דֶר שְׁטָאט אַזוֹ הָט מֶען דֶעם רב גִנוּמֶען אִין דֶר תְּפִיסָה אַרַיין אוּנ מֶען הָט אוֹיף אִים גִילֵייגְט אֵיין קְנָס פוּן אֵיין גְרוֹסִי סָאמֶע גֶעלְט בִּיז עֶר וֶועט דֶעם קְנָס נִיט צָאלֶן זָאל עֶר זִיצֶן אִין דֶר תְּפִיסָה · אִין אֵיין קוּרְצֶר צֵייט אִיז דֶר רב זֵייעֶר קְרַאנְק גִיוָוארֶן מֵחֲמַת גְרוֹס צַעַר ; אִין דֶר צֵייט אִיז גִיוֶועֶן יַרִיד אִין דַאנְצִיג אוּנ דֶר קְלֶעגֶר אוּנ נָאךְ פִיל מֶענְטְשֶׁן פוּן דֶר שְׁטָאט לוּבֶּענֶעץ זֶענִין אוֹיךְ גִוֶועֶן אוֹיף דֶעם יַרִיד אוּנ עש״ק הָט דֶר רב גִיהַאט יָאר צֵייט נָאךְ זַיין מוּטֶר אַזוֹ הָט דֶר רב נָאךְ גְזָאגְט קַדִישׁ אִין דֶר פְרִי אוּנ זֵייגֶר צְוֶועלְף אִיז עֶר גִישְׁטָארְבֶּן · פַר זַיין שְׁטַארְבֶּן הָט עֶר גִיזָאגְט אַז עֶר אִיז נִיט מוֹחֵל דֶעם קְלֶעגֶר אוּנ צוּ אַלִי מֶענְטְשֶׁן וָוס הָאבֶּן גִיהַאלְטֶן מִיט דֶעם

קלעגר • ווי עס איז גקומן די צייט וואס מען גייט אין שול אריי פר נאכט האט פלוצים דר קלעגר אין דאנצג אן גיהובן צו שרייאן מיט איין ביטר גישריי וויי מיר ווייל דר רב פון לובזענץ איז גישטארבן אונ רופט מיך צום משפט נעבן אים שטייט דר פאטר אונ זיין מוטר אונ ווייאקן מיר איך זאל גיין די מענטשן וואס האבן גיהערט דס גשריי זענין זייער דר שראקן גיווארן זיי האבן גמיינט אז ער איז משוגע גיווארן האט ער נאך אמאל אן גהובן צו שרייאן מיט איין משונה קול מורי ורבי איך בעט דיך איבר איך וועל אלי דייני מעבטר גבן געבן ווייל דר רב האט איבר גידאוט עטליכי טעבטר • אונ האט גיבעטן די מענטשן וואס זענין דר ביי גשטאנן זיי זאלן בעטן דעם רב מחילה האט אן גחאפט די אלי מענטשן איין גרוס ציטרניש פר פחד פון זיין גשריי האבן אלי מענטשן אן גהובן דעם רב מחילה בעטן חאטשי זיי האבן ניט גיזעהן דר נאך האבן זיי גיפרעגט דעם קלעגר וואס זאגט אצינד דר רב האט ער געגפרט עס איז אום זוכט אייער בעטן אונ אויך זיין פאטר אונ מוטר זאגן רשע דו האסט אונזר זון גהרגת איז ער גשטארבן אונ די אלי מענטשן וואס האבן אטייל גהאט זענין אלי פר ארומט גווארן אונ גשטארבן אין גרוס דלות די מעשה איז גשעהן אין שנת תקכז פון דר מעשה קען מען זיך איין גוסן מוסר ארום געמן אז עס איז דא דין והשבון ניט וויא די רשעים זאגן מיר וועלן טאן וואס דס הארץ גלוסט וואָרן לית דין ולית דיין די מעשה ווערט אין סדר הדורות אויך דר ציילט אויף לשון הקודש :

מעשה

מעשה

מעשה אין רייכר מאן האט גיהאט איין אייציגן זון דר זון האט
אבר ניט גלעבט אזו ווי איין עושרס איין זון שטייט אן
ער פלעגט שטענדג ארום גיין פר זארגט. ער האט ניט גקאנט ביי
נאכט שלאפן מיט אזעלכי עגמת נפש פלעגט. ער ארום גיין • אין
דר שטאט איז גוועזן א נזיר דס מיינט מען אזו איין מענטש וואס
ער איז גוועזן אפ גשייד פון מענטשן וואס ער טאר ניט עסן קיין
פלייש אונ טאר ניט טרינקן קיין וויין • אזו האט זיך מישב גוועזן
דר עושר אונ האט גיגעבן זיין זון צו דעם נזיר בכדי דר נזיר זאל
נעמן אים ארום גיין אונ זאל אים זיין נטייערקייט פון דעם קאפ
ארויס שלאגן אויף איין מאל ווי זיי זענין ביידי גגאנגן אזו רופט
זיך אן דעם עושרס זון צו דעם נזיר מיין פריינד איך וויים ניט
אוב עס איז פר האנדן איין מענטש אויף דר וועלט ער זאל לעבן
מיט שמחה דס הייסט מיט פרייד • אזו האט זיך אן גרופן דר
נזיר צו דעם עושרס זון קום מיט מיר איך וועל דיר ווייזן אזו איין
מענטש וואס לעבט יוא מיט שמחה דר נזיר האט דעם עושרס
זון גפירט אונטר דר שטאט דארטן איז גיזעסן איין בעטלר מיט
זיין וייב זיי האבן גיהאט זייער שטוב איז גוועזן איין טיפר גרוב
אין דר ערד אונ פון אובן איז גוועזן ביי דעקט שטרוא אין דר
שטוב איז נאר גלעגן אן גלייגט שטרוי בכדי זיי זאלן האבן אויף
וואס צו שלאפן ארום נאקט זענין זיי בוודאי גוועזן קורץ איך קען
אייך ניט אזו פיל ארום שרייבן דס עלנקייט וואס דארט איז גוועזן
דעם עושרס זון איז נאר גשטאנען אונ האט די ביידי לייט היינו דעם
בעטלר

בעטלר מיט דעם ווייב זייער בטראכט ווייל ער הט צו געזעהן דס ארמקייט וואס דארטן איז געוועזן ווי דר נגיד הט געזעהן אז דס עושרס זון בטראכט דס ארמקייט אזו רופט זיך אן דר נגיד צום עושרס זון זעהסטו גוט ווי אזו זיי זענין ארום פון דעסט וועגן אז דו זאלסט וועלן דא נעכטיגן וועסטו זעהן ווי פריילך זיי לעבן זיך אונ ווי עס ווערט אלדונג מיט שמחה גפירט הכלל דעם עושרס זון איז זייער גערן גוועזן צו נעכטיגן בכדי ער זאל זעהן ווי אזו די לייט וועלן דעם אוף דר נאכט אפ פירן:

נא לאמר דם עושרס זון מיט דם נגיד לאזן זיצן אונ מיר וועלן פון דעם בעטלר מיט זיין ווייב אן הייבן צו שמועסן. ווי עס איז גקומן פר נאכט אזו זענין דס פאר פאלק היינו דר בעטלר מיט זיין ווייב אהיים גקומן פון דעם בעטלריי כמו דר סדר איז אז דעם גאנצן טאג גייט מען ארום בעטלן אונ אז עס קומט אקעגן נאכט אזו גייט זיך יעדר אוף זיין אורט אפ רואן:

בקיצור די לייט זענין גקומן אונ האבן פון זיך די טארבס אראפ גלייגט אונ האבן זיך געבך אביסל גזעצט אפ רואן ווי אזו זיי זיצן הייבן זיי אן צו קלערן וואס דר נאכט מאל זאל זיין ער הט גזאגט מען בארף ניט מער נאר פר איין גרייצר קנאבל ברוט האבן מיר וואס בארפן מיר מער דס ווייב הט אבר גזאגט מיין טייערר מאן ווי וועל איך קענין צו זעהן אז מיין טייער לעבן ווי דו ביסט זאל אפילו קיין נאכט מאל ניט עסן וואס פר אחילוק וועסטו וויסן פון מיטאג ביז נאכט מאל דס הייסט פון ווארעמס ביז וועטשערי ניט גנוג מיר האבן דס ווארעמס גיגעסן זאלן מיר נאך וועטשערי אוך דס עסן גיין דס וועל איך ניט צו לאזן אזו פרעגט זי דר מאן איין

מייער הארץ וואס רען וועסטו קאבן אזו רופט זיא זיך אן איך ווייס
שון וואס צו קאבן איך וועל נעמן דאס גאנץ דארי ברוט אונ וועל עס
גוט צו קלאפן אזו ווי מעל אונ וועל אויף זידן וואסר אונ וועל דאס
אריין ווארפן עס זאל זיך ניט אוס קאבן אונ דר נאך וועל איך נעמן
אביסל אייל אונ ארוף גיסן אויך מיט איין קנאבל אונטר נעמן דאס
וועט זיין גאטס וואונדר הכלל זיא נעמט דאס דארי ברוט זיא זאל עס
צו קלאפן זיא האט אבר ניט אין וואס ווי זיא טראכט אזו אין וואס זיא
זאל עס צו קלאפן איז איר גלייך איין עצה איין גפאלן אין דרויסן
זענין גוועזן צוויי גלאטי שטיינר וועט זיא אויף איין שטיין דאס ברוט
אנידר לייגן אונ דעם אנדרן שטיין וועט זיא לייגן פון אובן אונ אויף דעם
אובערשטן שטיין וועט זיא נאך מיט איין שטיין קלאפן ביז דאס ברוט
וועט זיך קלאפן מייני ליבע קינדר איך קען אייך גאר ניט פאר שטעלן
די שמחה וואס זיא האט גהאט ווייל זיא האט גהאט מיט וואס דאס ברוט
צו קלאפן ווי פון איין גוטן שטייסל מאנדלן נאך מיט אנדרי גוטי
זאכן • ווי זיא האט שון דאס אין גאנצן צו קלאפט אזו איז זיא גגאנגן
פייער מאכן הכלל זיא נעמט אביסל שטרוא אונ לייגט פייער אונ
שטעלט דאס צו קאכן דר גרויסר רוך וואס דארט איז גוועזן דארפט איר
מן הסתם פאר שטיין:

נוא לאמר זי לאזן קאכן אונ לאמיר פון אים אן הייבן ווידר צו שמיסן
ער האט גהאט איין קליין פידלי בייא זיך אין די טארבע אזו האט
ער דר ווייל אביסל זיך גזעצט שפילן אונ דר נאך האבן זייא זייער
וועטשערי אפ גגעסן אונ דר נאך האבן זייא זיך משמח גוועזן ער
האט גשפילט אין דם ווייב האט גטאנצט זייא האבן זיך לאנג משמח
גוועזן ביז זייא זענין אנידר גפאלן אויף דעם ביסל שטרוא אונ זענין

אז גשמאק אנשלאפין גוואָרן ווי אייער לייגט זיך אין איין אָרדנטלך
בעט מיט גוט בעט גוואנד אזו זענין זיי די גאנצי נאכט זייער רוהיג
גשלאפן זייא האבן ניט גבארפט. קיין מורא האבן פאר גנבים אדר
גזלנים וואס וועט מען ביי זיי גנבנן אדר גזלנין ווי עס האט אן גהויבן
טאג צו ווערן זענין אונזר ליב פאר פאלק אויף גשטאנן אונ גאט
גלובט דאס זיי זענין גזונד אונ זענין ווייטר גגאנגן. זייער וועג היינט
בעטלן נוא דאס עושרים זון האט זיך אויף דם אלמן שטארק פאר
ווינדרט האט ער גזאגט צו דם נזיר איך האב נאך. קיין מאל ניט געזעהן
מענטשן זאלן אזו פריילך זיין ווי איך האב דא צו געזעהן אז האט
אים דר נזיר גענטפרט דר בעטליר פר לאזט זיך אויף גאט ער לאזט
זיך בניגן מיט וואס ער האט ער טראכט ניט פון היינט אויף מארגן
דורך דם איז ער אזו לוסטיג אונ איז זיך משמח וואס גאט גיט אים
אבר דו דם וואס ביסט אזו טרויעריג דס איז נאר ווייל דו ווילסט
דיין פאר מעג זאל אלי טאג גרעסר ווערן כמו די טבע איז פון
אלע עשירים זיי שווערן זיך בייא די וויב אונ קינדר כדי מען זאל
זייא גלייבן אונ דם טואן זיי נאר כדי מען זאל געבן וויפיל זיי פר
לאנגן אונ דם מאכט איך אלי זייער טרויעריג איר קענט ניט
פריילך זיין ערשט אז די צייט קומט אז מען בארף שטארבן
דענסט מאל פאר געסט מען אין אלץ דינג מען איז מנדר אסך
געלט על עניים אונ מען צו טיילט עס אבר די ארימע די
טראכטין ניט עשירות זייא דאנקין אונ לובין להש"י אז זיי האבין
דם שטיקיל ברויט וואס זיך צו עסין דרום זענין זיי תמיד לוסטיג
ווייל ער טראכט ניט פון היינט אויף מארגין אך ווען עס קומט
ח"ו אים איין קרענק אזו שרעקט ער זיך ניט פאר דם טוט וואָרום

וואס

וואס ווערט ער אן די קינדער זייני קינדער זענין תמיד פר זארגט מיט פרנסה ווייל זיי האבין זיך געהאט פון וועסן אפ צו לערנין אויך שטייט געשריבן רב אדא איז אין אין ווייט לאנד אוועק געפארין אזוי האט אים דם ווייב געפרעגט וואס לאזטו מיר מיט די קינדער איבר אויף פרנסה אזוי האט ער געענפערט ביז דו וועסט האבין צו עסן איז גיט אונ דר נאך נעם פון דם קאסטין אונ פר קויף אזוי וועסטו מיט די קינדר האבין צו עסין פון דאגין איז גדרונגין אז מען טאר ניט זארגין אז מען זאל רייך ווערין מען דארף זיך נאר פר לאזין אויף גאט ווי אזוי גאט טוט איז רעכט ליבע קינדר זעהט נאר ווי אזוי אונזרי אבות האבין זיך געפירט זייער גאנץ לעבין איז נאר געווען פון גאטס וועגין כמו די היילגי תורה שרייבט אין פרשת עקדה גאט האט געזאגט צו אברהם נעם דיין זון אזוי האט אברהם געענפערט וועלכן זון איך האב יוא צוויי זון אזוי האט גאט געזאגט את יחידך אשר אהבת דם איינציגין וועלכי דו האסט ליב אזוי האט אברהם געזאגט איך האב ביידע ליב אזוי האט אים גאט געזאגט את יצחק דם זון יצחק אונ ברענג אים אויף פאר איין עולה דס הייסט זיי אים מקריב פאר איין קרבן אזוי האט אברהם תיכף גענומן אונ האט געטאן אזוי ווי גאט האט געהייסן ווי גאט האט געזעהן אז אברהם טוט עס מיט דם גאנצין הארצין אזוי האט גאט ווידר גערופן צו אברהם אונ האט געזאגט אל תשלח ידך וגו׳ אבר די היינטיגי וועלט ווייסן נים מער נאר געלט זיי מיינין אז אויף דם שטייט די וועלט אונ צום סוף אז די צייט קומט פון דם מענשין אפ שטארבן לאזט ער אלדינג איבר אונ גייט פון אזעלכי לעבטיגי שיביר אין דם פינצטרין קבר וואס ווערט פון דם

פענטשין

מענטשין אין קבר רימה ותולעה דס ווערט דר סוף פון דם
מענטשן דרום ליבע קינדר זעהט נעמט פאר אייך מייני רייד זאלין
באשטענדיג זיין פר אייערי אויגין· פאר געסט ניט וואס איך האב
אייך גזאגט איך זאג עס ניט פון מייני גדאנקין רק איך האב עס
מעתיק גוועזן מספרי מוסר דר מענטש דארף זיך צו פרידן לעבין
מיט דם וואס גאט גיט אים איין מענטש דארף דם אנדרין ניט
מקנא זיין אייך טרעפט זיך נאך אמאל אז דר עושר איז נאר
אשליח די אנדרי מענטשן צו שפייזין ער איז ווערט ביי גאט ער
זאל זיין דר שליח דרום דארף דר מענטש גאנץ צו פרידן זיין
ער זאל האלטין גאטס ווילן ער זאל זאגין וואס גאט טוט איז
בוודאי זייער רעכט ער איז אונזר בשעפר אונ צו אים איז
איטליכער רייך אונ ארום זענין אים מוסר די נשמה אלי טאג ער
מעג מאכן ווי ער וויל דרום זאגין מיר אלי טאג׳ בידך אפקיד
רוחי נוא ווען איינם טרעפט זיך איין מאל איין סבה אונ דר
מענטש נעמט עס ניט אן פר ליב אזו טוט ער דר מיט איין
עולה מען דארף צו וויסן אז עס טרעפט זיך איין סבה אוף דם
מענש דארף ער זאגין גם זו לטובה וואָרום וואס וואלט ער גקענט
טאן עס זאל אים נאך ערגיר גשעהן מען דארף צו וויסן אז עס
איז ניט דא איין מענש אויף דר וועלט דם ער זאל קיין צרות
ניט האבין איך וועל אייך ברייננגין אמשל פון אלכסנדר מוקדון
דם איז זייער גוט בקאנט וואס פאר אגרויסר מלך ער איז גוועזן ווי
אלכסנדר מוקדון האט גדארפט שטארבן אזו האט ער אפ גשריבן
איין טרייסט בריף צו זיין מוטר ער האט איר גשריבין בזה הלשון
ליבע מוטר גדענק נאר וואס אוף דם עולם אונ דם אלדינג איז

אבר

אָבֶּר נָאר וִוי אֵיין חָלוֹם דוּ מוּזְט וִויסֶן אַז דַיין זוּן אִיז נִיט גֶּוֶועֶן אֵיין קְלֵיינֶר מֶלֶךְ נַייעֶרְט אֵיין גְרוֹיסֶר מֶלֶךְ דְרוּם זָאלְסְטוּ דִיךְ נִיט נוֹהֵג זַיין וִויא אֵיין מוּטֶּר פוּן אֵיין קְלֵיינֶעם מֶלֶךְ נַייעֶרְט וִוי אֵיין מוּטֶּר פוּן אֵיין גְרוֹיסֶן מֶלֶךְ דוּ זָאלְסְט נָאךְ מַיין אָפּ שְׁטַארְבֶּן הַייסֶן אוֹיף מַיין קֶבֶר מַאכֶן אֵיין גְרוֹיס מֶעכְטִיגֶן פַּאלַאץ אוּנ זָאלְסְט אֵיין כְּפֶעל גֶעבֶּן עֶס זָאל צוּא דִיר קוּמֶן כל שׂרי מלוכה אוֹיךְ גְרַאפֶן אוּנ פִירְשְׁטֶן זָאלֶן קוּמֶן צוּ דֶעם טָאג פוּן מַיין אָפּ שְׁטַארְבֶּן בִּכְדֵי דוּא זָאלְסְט דִיךְ קֶענִין מִיט זַייא לוּסְטִיג מַאכֶן כְּמוֹ אַזוֹי וִויא דִי פְרִיֶערְדִיגִי צַייטֶען אִיז דֶער מִנְהָג גֶיוֶועֶן נָאר אָבֶּר זָאלְסְט רָאזֶען אוֹיס רוּפֶען עֶס זָאלֶן נָאר קוּמֶן דִיא וָוס הָאבֶּן קֵיין צָרוֹת נִיט אוֹיךְ אַזֶעלְכִי וָואס זַייא זֶענִין קֵיין מָאל אִין קֵיין צָרָה נִיט גֶיוֶועֶן עֶס זָאלֶן נָאר קוּמֶן לוּסְטִיגִי אוּנ פְרֵיילִיכִי לַייט בִּכְדֵי דוּא זָאלְסְט זִיךְ מְשַׂמֵחַ זַיין:

נוּא וִויא דִיא צַייט אִיז גִיקוּמֶן אַז אלכסנדר מוקדון אִיז גְשְׁטָארְבֶּן אַזוֹ הָט מֶן הַסְתַּם דִי מוּטֶּר גְוָואלְט דֶעם בְּרִיב מְקַיֵים זַיין כְּמוֹ אִיר זוּן הָט גְשְׁרִיבֶּן אוּנ הָט גְלָאזְט מַאכֶן אֵיין גְרוֹסִי סְעוּדָה כְּמוֹ אִיר זוּן אלכסנדר מוקדון הָט אִיר גְשְׁרִיבֶּן אוּנ הָאט אוֹס גִיזֶעצְט וֶועלְכֶן טָאג דִי סְעוּדָה זָאל זַיין נוּא עֶס אִיז גִיקוּמֶן דֶער טָאג וָוס דִי סְעוּדָה הָט גִידַארְפְט צוּ זַיין הָט זִי גִימֵיינְט עֶס וֶועלֶן בְּוַודַאי זֵייעֶר פִיל לַייטֶן קוּמֶן אַזוֹ וִוי אֵיין מַלְכָּה שְׁטֵייט אָן אַז זִיא אִיז אָבֶּר גֶזֶעסֶן אוּנ וַוארְט אוּנ עֶס אִיז קֵיינֶר נִיט גְקוּמֶן וִוי גְרוֹיס אִיז אִיר גִיוֶועֶן דֶר וֵוייטָאג אִין הַארְץ עֶרְשְׁטֶענְס אוֹף דֶעם וָואס זִיא אִיז אֵיין מַלְכָּה קֵיינֶר הָט זִי נִיט גִיפָאלְגְט אוּנ צְוֵוייטֶנְס זִי הָט אָן גִיגְרֵייט אַזוֹ אֵיין גְרוֹסִי סְעוּדָה אוּנ עֶס הָט זִי קֵיינֶר נִיט צוּ עֶסֶן

זיא

זי האט גיפרעגט אירי לייט וואס זאל דאס באטייטען דאס קיינר וויל ניט קומען אויף מיין סעודה וואס איך האב אן גיגרייט אזו האבען איר די לייט גיענפערט ליבי מלכה איר האט יוא אליין בפעל ארום גיגעבען אז עס זאלען נאר קומען אזעלכע מענטשען וואס האבען קיין צרות ניט אונ די וואס האבען יוא צרות זאלען ניט קומען איר זאלט וויסען אונזער ליבע מלכה אז עס איז ניט פאר האנדען איין מענטש וואס זאל אים קיין לייד ניט איבער פארען דרום קומט קיינער ניט ווייל מען טאר ניט עובר זיין אויף דער מלכה אירי רייד ווי די מלכה האט דאס דער הערט האט זי אן גיהויבען צו שרייען אלכסנדר בני אלכסנדר בני די חכמה וואס דוא האסט מיר גשריבען כמו הנ"ל דאס איז גמיינט אויף אצונד דהיינו דו האסט מורא גהאט איך וועל נאך דיר זייער טרויערען דרום האסטו מיר גשריבען איך זאל נאר רופען אויף דער סעודה אזעלכע מענטשען די גרעסטי הערען וואס האבען ניט קיין לייד אונ דאס האסט דוא גיטאן בכדי איך זאל מיך איבער צייגען אז יעדער האט אזעלכי לייד אונ פון דעסט וועגען לעבט מען אונ מען איז משמח אזו אויך ליבי לייט איר זאלט וויסען עס איז ניט דא איין זאך אויף דער וועלט אז עס זאל אייביג לעבין זעהט נאר אירי ליבי לייט דער גרויסער בוים וויא עס קומט די צייט פון פרי יאר ווי ער הייבט אן צו בליען ער צו לאזט זייני צווייגען די בלעטער שפראצען אלי טאג מער אונ פלוצלונג אויף איין מאל קומט אן איין אנדרר וועטער דאס מיינט מען איין אנדרי לופט אזו הייבען אן די בלעטער געל צו ווערען די צווייגען בלייבען לידיג אויך אפילו צווייגען ווערען פר דארט אונ צו בראכען איך לאמר זעהען דאס גראז ווי עס הייבט אן צו וואקסען אונ די גאנצי

ערד ווערט גרין את אלי גאטס בשעפניש וועלכי די נאטור ווערט
דר צו בשאפן דס זיי זאלן זיך פון דעם גראז גערן און פליצלונג
אוף איין מאל זעהן מיר וויא דס גראז ווערט פר דארט און דיא
גאטס בשעפניש האבן דר פון מער־קיין ניצען ניט אויך די לבנה
לאמר זעהן די לבנה הייבט אן אוף צו גיין וויא לעבטיג עס
ווערט די גאנצי וועלט בציהט איר ליכט ווען מען זעהט דס
ליכט פון דער לבנה אזו ווערט דר מענטש גאנץ און פריש •
און פליצלונג אוף איין מאל קומט אן איין דיקער וואלקן און פר
שטעלט פון איר דס ליכט דס עס איז גאר ניט צו דר קענן אוב
עס איז ליכטעג גיוועזן אזו אויך איז דר מענטש אוף דר וועלט
די עטליכע יאר וואס ער לעבט אזו לעבט ער און רעט ער וועט
כל ־עבודות טאן בכדי ער זאל מער גע״ט האבן דער מענטש זאל
ניט האבן דעם מלכות איבר זיך וואלט איינר דעם אנדרן דאס
לעבן גנומן בכדי ער זאל זיין פר מעגין אוועק נעמן דריבר דארפן
מיר בעטן אויף אונזר קייסרס לעבן השם יתברך זאל אים לענגרין
זייני יארן השם יתברך זאל מאכן פאלן די פיינד פר זייני פיס דר
מענטש איז גליך צו איין חלום דהיינו עס חלומט זיך איינעם ער הט
געפונגן איין אוצר נוא דער מענטש ווייסט ניט בשעת ער שלאפט
אוב עס איז ליגן ער מיינט אקאראט הט ער דר ווייל גרוס שמחה
און וויא בימר איז אים אז ער האפט זיך אוף און ער ליגט נאר
אין העמד אין בעט און ווייסט גאר ניט וואס מיט אים טוט זיך
ביז ער קלערט ערשט אז דס איז נאר גיוועזן איין חלום אזו אויך
דר מענטש איז צו די אלי משלים גיגלעכן פליצלונג הט ער חתונה
און הט קינדר און אביסל פר מעג און אוף איין מאל קומט די

צייט

צַייט הֶעלְפְט אִים דָס אִין גַאנְצֶן נִיט. עֶר מוּז פוּן דֶר וֶועלְט גֵיין דְרוּם אִיר לִיבִּי לַייט, זֶעהְט נָאר דֶעם סוֹף פוּן אַלִי מֶענְשֶׁן בֶּערֶעכֶנְט אַייךְ וָוס נִיצְט דָס גֶעלְט וָוארוּם אַז עֶס קוּמְט דִי צַייט פוּן שְׁטַארְבֶּן קוּקְט עֶר נִיט אָרוּם אוֹדֶר רַייךְ יֶעדֶער אִיז גְלַייךְ דְרוּם אוֹיבּ עֶס קוּמְט ח״ו אַיין צָרָה אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ זָאל עֶר עֶס פַר לִיבּ נֶעמֶן אוּנ זָאל זָאגֶן דֶעם פָּסוּק. כמו הנ״ל יֶעדֶר מֶענְטְשׁ זָאל גָאר עוֹסֵק זַיין אִין תּוֹרָה אוּנ מִצְוֹת. עֶר זָאל נִיט לוֹפֶן נָאךְ תַּאֲוֹת עוֹלָם הַזֶּה. דִי וֶועלְט אִיז רַק הֶבֶל עֶר בַּארְף טְרַאכְטֶן. עֶר זָאל הָאבֶּן דָאס אֵייבִּיגִי לֶעבֶּן דָס מֵיינְט מֶען עוֹלם הבּא דָארְפְן אִיז דָאס רֶעכְטִי לֶעבֶּן אוּנ וֶוער עֶס גְרֵייט זִיךְ אוּם פְרַייטָאג אָן שְׁפַּייז אוֹיף שַׁבָּת דֶר הָט שַׁבָּת וָוס צוּ עֶסֶן אוּנ וֶוער עֶס גְרֵייט זִיךְ נִיט אָן הָט נִיט וָוס צוּ עֶסִין אַזוֹי אוֹךְ וֶוער עֶס גְרֵייט זִיךְ אָן בְּעוֹלָם הַזֶּה דֶר גְפִינְט עֶס בְּעוֹלָם הַבָּא דֶר דָאזִיגֶר וָואס גְרֵייט זִיךְ נִיט אָן דֶר וָואלְט דָארְפְן זִיךְ גֶעבְן עֶפִּיס גְקוֹפְט רַק עֶר הָט נִיט פַר וָוס זִיךְ צוּ קוֹפֶן אוּנ וִויא צוּ קוֹפֶן דְרוּם זָאל יֶעדֶר מֶענְטְשׁ טְרַאכְטֶן זִיךְ שְׁפַּייז מִיט צוּ נֶעמֶן דָס מֵיינְט מֶען מִצְוֹת אוּנ וֶועלְכֶר מֶענְטְשׁ עֶס וֶועט מֵיינִי רֵייד אִין אַכְט נֶעמֶן בָּטוּחַ אני שהוא בן עולם הבא נוא מַיינִי לִיבִּי קִינְדֶר אִיךְ וָואלְט אַייךְ נָאךְ מֶער מוּסָר אָרוּם גִישְׁרִיבֶּן נָאר דִיא הַיינְטִיגִי וֶועלְט הָאבֶּן פַיינְט אַז מֶען שְׁטֶעלְט צוּ פִיל מוּסָר דְרוּם טוּא אִיךְ בְּשְׁטֶענְדִיג גָאט בֶּעטֶן אַז מִיר זָאלֶן חַס וְשָׁלוֹם פוּן דֶעם רֶעכְטֶן וֶועג נִיט אָפּ טְרֶעטֶן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ זָאל אוּנְז אָפּ הִיטֶן פוּן אַלִים בֵּייזֶן אָמֵן :

מעשה

מעשה איין אשה האט גיהאט זיבן קינדר אזו איז פליצלונג איינר
גשטארבן אזו האט די אשה איין גרוזן יאמר אונ גיוויין
גיסאבט אזו האט רב הונא איר גשיקט זאגן זי זאל אויף הערן צו
וויינן אודר אז ניט זאל זיא תכריכים אן גרייטן צו די אנדרי קינדר
בקיצור זי האט ניט נפאלגט אזו איז ביי איר ווידר איינר גשטארבן
הכלל רב הונא האט אלץ צו איר גשיקט בזה הלשון אונ זי האט
ניט גפאלגט ביז עס זענין אלי זיבן קינדר אום גישטארבן אונ דר
נאך האט זי אלץ זייער גוויינט ביז רב הונא האט ווידר גישיקט
זי זאל אויף הערן אונ אוב ניט אזו וועט זי אויך שטארבן הכלל
זיא האט ניט גיפאלגט לרב הונא איז איר סוף גיוועזן זיא איז
גישטארבן· ליבע קינדר זעהט נאר דעם אום גליק וואס דארטן איז
גיוועזן אונ דס איז נאר גיוועזן ווייל זי האט ניט פר ליב גיוואלט אן
נעמן דרום האבן אונזרי חכמים גיווארינט דס מען זאל ניט צוא
פיל וויינן אויף איין מת ח"ו נייערט זיבן טאג זאל מען קלאגן
אונ די ערשטי דריי טאג מעג מען וויינן דען ווען איינר שטארבט
זאל מען מורא האבן דס די גזרה זאל חס ושלום ווייטר ניט
גיין דרום דארף מען טרויערין שבעה אונ אין שלשים דארף מען
עוסק בתשובה זיין אונ דר נאך מוז אלץ פר געסן זיין אויך ווען
גאט שטראפט איינם אין משא ומתן דהיינו ער האט זייער איין
שטארקן היזק אזו זאל זיך דער אייניגר ניט מצער זיין אויף דעם
וואס פר ביי איז דען דאס וואס דר היזק איז גיוועזן איז שוין פר
פאלן נייארט ער זאל זיך משמח זיין אויף דעם וואס איז אים
גיבליבן אונ זאל אן הייבן צו טראכטן אפשר האב איך מיט מיין
געלט קיין צדקה ניט גיגעבן עס זאל ניט זיין כמו איך האב פון

פיל

פִיל מֶענְטְשֶׁן גִיזֶעהֶן אַז זֵי הָאבֶּן אֵיין הֵיזֶק גִיהַאט אַזוֹ הָאבֶּן זֵיי שׁוֹין אוֹיף גִיהֶערְט צְדָקָה צוּ גֶעבֶּן זֵיי זֶענִין גִיגַאנְגֶען מִיט דִיא קֶעפּ אַרָאפּ אוּנ אַז אֵיין אָרִימַאן אִיז גִיקוּמֶען הָאבֶּן זֵיי גָאר נִיט גִיוָואלְט גֶעבֶּן דִי זֶענִין נַארָאנֶם. עֶר אִיז גְלַייךְ אַזוֹ וִוי אֵיינֶער אִיז גוּט דָארְשְׁטִיג אוּנ טְרִינְקְט זַאלְץ וַואסֶר אוֹיף דֶער מִינוּט לֶעשְׁט עֶר דֶעם דָארְשְׁט אוּנ תֵּיכֶּף בְּרֶענְט אִים ווִידֶער דְרוּם בַּארְף נִיט אַזוֹ צוּ זַיין וִוי דֶען. עֶר דַארְף גָאךְ מֶער צְדָקָה גֶעבֶּן כְּמוֹ פְרִיר וַוייל גָאט הָט אִים גִיהֵייסֶן פְּרִיוֶוען מִיט צְדָקָה אוּנ דָם אִיז ווִיסֶגְלַיךְ וֶוער עֶס גִיט צְדָקָה הֶעם מַאכְט גָאט רַייךְ נָאר אָבֶּר זָאגֶן זָאג אִיךְ אַייךְ וֶוען אִיז צְדָקָה אָן נִיטְצֶען אֶצֶל הַשִׁי״ת אַז מֶען גִיט זִי מִיטֶען גַאנְצֶען הַארְצֶען אָבֶּר נִיט אַזוֹ וִוי. עֶס גְפִינְט זִיךְ פִיל מֶענְטְשֶׁען זֵייא גֶעבֶּן נָאר צְדָקָה מֶען זָאל. זֵיי רִימֶען אוּנ לוֹבֶּן. עֶס גִיפִינֶען זִיךְ פִיל מֶענְטְשֶׁען אַז זֵיי גֶעבֶּן צְדָקָה דֶר נָאךְ גִייֶען זֵייא אַרוּם אוּנ בַּארוּמֶען זִיךְ אִיךְ הָאבּ הַיינְט דֶעם אוּנ דֶעם אַזוֹ פִיל גֶעלְט גִיגֶעבֶּן זָאלְט אִיר ווִיסֶען אַז דִי צְדָקָה אִיז נִיט אָן גִינוּמֶען בַּיי הַשִׁי״ת אַדְרַבָּה זַיין עוֹנֶשׁ אִיז דֶר פַר זֵייעֶר גְרוֹס אָבֶּר דֶר דָאזִיגֶער וָוס גִיט צְדָקָה מִיט דֶעם גַאנְצֶען הַארְצֶען אוּנ זִיכְט נָאךְ דֶעם דִין פוּן צְדָקָה וִוי אַזוֹ עֶר זָאל זִיךְ נוֹהֵג זַיין דֶר וֶוערְט אָפּ גִהִיט פוּן דֶעם טוֹט כְּמוֹ. עֶס שְׁטֵייט צְדָקָה תַּצִיל מִמָוֶת נוּא וָוס הָט זִיךְ דֶר מֶענְטְשׁ צוּ זָארְגֶען אַז. עֶר פַר לִירְט. עֶפִּים אָדֶר. עֶר הָט הֵיזֶק אִין מַשָּׂא וּמַתָּן וָוס ווייל עֶר בֶּעסִיר זַיין פוּן דֶעם וָוס הָט גָאר נִיט אִיר דַארְפְט ווִיסֶען אַז דִי וֶועלְט אִיז אוֹף דֶעם גִשְׁטֶעלְט גִיוָוארֶן הַיינְט גִיט גָאט דֶעם אוּנ מָארְגֶן נֶעמְט. עֶר צוּ בַּיי דֶעם אוּנ גִיט דֶעם אַנְדֶערֶן. עֶס הָאט זִיךְ אַמָאל גִטְרָאפֶן אֵיין עוֹשֶׁר גָדוֹל הָט גִימַאכְט אַסְעוּדָה אַז אִיז

אַייךְ

עפים שולדג אזו מוז מען צו דר צייט זאגן אבר השם יתברך
ער ווארט זייער לאנג דעם בעל הוב יעדר מענטש איז אים שולדג
דהיינו מצות צו טאן · איבר דעם דארף מען די נשמה ריין האלטן
ער זאל זיך אפ היטן פון זינד . ער זאל ניט טראכטן אלי טאג נאך
פיל געלד דען דס פיל געלד איז אים נאר גוט לפי שעה אבר
דר אמת איז אז דורך פיל געלט מוז ער קומן צו עבירות כמו
עס שטייט אין פרק שני מרבה נכסים מרבה דאגה · אונ דר
נאך שטייט ווידר מרבה תורה מרבה חיים נא זעהט מען יוא
ווי אונזרי תנאים האבן דר פון גשמיסט איבר דעם זאל יעדריר
גווארנט זיין בשטענדג טראכטן אין תורה אונ אין מצות ניט ער
זאל בשטענדיג טראכטן אין געלט איר מוזט וויסן אז נאקיט ווערט
מען גבוירן אונ נאקיט ווערט מען פר לורן · איבר דעם דארף
יעדר מענטש צו זעהן ער זאל בשטענדג די אלי רייד אין אכט
נעמן · ווארום טאמר קומט פליצלונג די צייט פון דעם טוט ר"ל
אזו הט ער קיין צייט ניט קודם מיתתו עפים מתקן צו זיין אזו מוז
ער צרוף קומן פר השי"ת מיט די אלי פלעקן וואס ער הט אוף זיך
גמאכט · למשל אז דר מלך שיקט איינם רופן וועט ער זיך ניט אן
טון די שענצטי קליידר אונ וועט אכטונג געבן עס זאל זיין ריין
אפ גפוצט מכ"ש פר השי"ת דארף מען בוודאי קומן ריין נמצא
דארף יעדר מענטש צו זעהן אלי טאג זיך פארטיג צו מאכן
בכדי ער זאל קומן פר השי"ת ריין אן גיטאן דרום זאל זיך קיין
שום מענטש ניט זארגן אויף איין שאדן ער זאל בעסר טראכטן
ער זאל אפ גהיט זיין פון עבירות ובזכות הזה וועלן מיר זוכה
זיין צו זעהן די שכינה פנים אל פנים אמן:

תם ונשלם

אויף דער סעודה געוועזן איין פילוסוף ווי דער פילוסוף איז לוסטיג געווארן אזוי זאגט ער צו דעם עושר ווי זיס און גוט וואלט גיוועזן עס זאל אייביג דויערן אז איך ענטפערט אים דר עושר ווי קענסטו זעלכס זאגן הט דען גאט נאר גיהייסן עסן און טרינקן דו באדארפסט וויסן אז דר מענטש באדארף תשובה און מצות צו טון דרום אז דער מענטש פר לירט עפים אודר ער הט היזק זאל ער אויף דעם ניט זארגן ווידר ער דארף נאר זארגן אויב די נשמה איז עפים נכשל געווארן ווענן דעם הט אים גאט גישטראפט עס איז בעסר צעהן מאל געלט צו פר לירן איידר איין מאל צו שטארבן וויא דארף מען אלי טאג גאט לובן אז ער שטייט אויף און דר פרי און השי"ת הט אים זיין נשמה צוריק גיגעבן למשל עס איז גיקומן איין חבר צו דעם אנדרן חבר און הט אים גיגעבן צו בהאלטן זילבר גאלד דימאנטן אין אצייט ארום איז גקומן דר דאזיגר ווס הט גיגעבן צו בהאלטן די אלי זאכן און הט זיך גיהייסן די אלי זאכן אפ געבן וויא ער הט שוין זייני זאכן גיהאט ביי זיך אזוי האט ער גינומן די דימאנטן און הט עס זיין חבר צו ריק גישענקט ווי זייער און חשוב איז ביי אים די מתנה גיוועזן ער הט אים בוודאי זייער שיין גדאנקט פר דר מתנה און וויא דארף מען דאנקן למלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא אז ער קערט אים אלי טאג דעם פקדון ווארום אלי נאכט אז דר מענטש לייגט זיך שלאפן אזוי גיט ער זיין נשמה איבר צו גאט און ווס וואלט ער גיטאן אז השי"ת זאל אים זיין נשמה ניט צוריק גיבן נמצא וואלט ער דאך שון טויט גיוועזן און איבר דעם דארף מען לובן להשי"ת ווייל ער איז ניט אזוי ווי די מענטשן אז איינר דעם אנדרן אי 3

עפים

מעשה

פון הגאון הגדול בעל המחבר

ספר עוללות אפרים וספר כלי יקר

וויא עס איז מיט אים דער גאנגן פון זיין געבארן
אן ביז ער איז אויף גינומן גיווארן פאר איין רב וראש
ישיבה אין פראג ·

די מעשה איז ארוס גינומן גיווארן פון פנקס פון דר
אלטן נייע שול פון דער גרויסר שטאט פראג ·
אונ אנדרי מעשיות פון גרויסי צדיקים ·

הובא לביה"ד ע"י פייביל מאלדאווסקי

ווארשא

בשנת תרלח לפ"ק

MACE

т. е. расказъ

1877.

Дозволено Цензурою.

Кіевъ 18 Апрѣля 1877 г.

Въ Типографіи П. Ю. Лебенсона и Д. Фридмана,

на улицѣ Налевки № 9.

אין יאר פינף טויזנט דריי הונדערט איז געווען אין מעזריטש אין לאנד
פולין ער האט געהייסן רבי אהרן דער רבי אהרן איז געווען זייער
איין גאטס פארכטיגער זיין פרנסה איז געווען ער האט געהאלטן די
הערענדי פון דעם דארף לונשיץ אין פולין ער האט געהאט זון אונ
טעכטער דאס גליק איז אבער ניט דעם מענטשין אויף אייביגי אין
[illegible]ז איין צייט איז רבי אהרן זייער פאר ארעמט געווארן ער האט ניט
געהאט די ראטע צו צאלן דעם דוכוס וואס ער האט פון אים די
הערענדי געהאלטן אונ איז פון פריער אויך זייער פיל שולדיג געווען
איז דער דוכוס זייער בייז געווארן אויף איהם אין דער צייט ווען די
פולישע מלוכה האט רעגירט האט איטליכער שר אודער דער דוכוס אין
זיינע גיטער געטאן וואס ער האט געוואלט אויך דיני נפשות האט ער
אליין דן געווען האט דער דוכוס איין באפעהל געגעבן מען זאל
דעם רבי אהרן מיט זיין ווייב אונ קינדער גענומן אין דער תפיסה
אריין · פאר פולין איז געווען די תפיסה איין גרוב האט מען נעביך
דעם גוטן רבי אהרן מיט ווייב אונ קינדער אין איין גרוב אריין
געווארפן דער אכזר דער דוכוס האט באפולין מען זאל זיי קיין
עסין ניט צו לאזין אונ אלע מיסטן וואס מען וועט אלע טאג אוס
קערין זאל מען אויף זיי ווארפן אין דעם גרוב אריין אזו לאנג
ביז עס וועט ניט געצאלט ווערין וואס ער איז שולדיג אונ ווער עס
וועט זיך אונטער שטעלן אונ יוא עסין געבין וועט זיין בלוט פאר גאסין
ווערין · בעת ההוא איז דאס ווייב פון רבי אהרן מעוברת געוועזין
האט איינר פון די קנעכט גרוס רחמנות בייא קומן אונ האט זיך
דער בארימט איבר זייא פלעגט ער אלע טאג צו נעמן ברוט אונ
וואסער פון דוכוס הויז בסוד אונ איז געגאנגן צום גרוב אונ האט זיך

גְשְׁטֶעלְט פוּן וַוייבֶּן אוּנ הָאט. קיינֶעם נִיט גֶזֶעהֶן הָאט עֶר דָאס
בְּרוֹיט מִיט דֶעם וַואסֶר אַריין גִיוָוארְפֶן אִין גְרוּבּ אַריין אוּנ אִיז בַּאלְד
אַנְטְלָאפֶן אַזוֹ הָאט דֶער קְנֶעכְט גְטָאן אַלֶע טָאג נָאךְ מֶער הָאט דֶר
קְנֶעכְט זִיךְ אַיין גְשְׁטֶעלְט זַיין לֶעבֶּן אוּנ הָאט גִבֶּעטֶן דִיא אִיבְּרִיגֶע
קְנֶעכְט זִייא זָאלִין דָאס מִיכְט נִיט אַריין וַוארְפִין אִין גְרוּבּ צַריין רַבִּי
אַהֲרֹן מִיט זַיין וַוייבּ הָאבְּן נִיט גְוִויסְט וֶוער הָאט זִייא דָאס עֶסִין
אַריין גְוָוארְפִין:

נָאךְ זֶעקְס חֳדָשִׁים פוּן דֶעם תְּפוּס גֶעוֶעזֶן הָאט זַיין וַוייבּ אָן גְהוֹיבֶּן צוּ
קִינְד גֵיין אוּנ הָאט גְהַאט אַיין בֶּן זָכָר טַאקִי אִין גְרוּבּ וְוִיא זִייא
זֶענִין גִיוֶועזֶן דָאס קִינְד אִיז זֵייעֶר שֵׁיין גְוֶועזֶן זַיין גְלַייכֶן אִיז מַמָּשׁ נִיט
גְוֶועזֶן אוֹיף דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט עֶס אִיז אִין גְרוּבּ לֶעכְטִיג גְוָוארֶן וְוִיא
דָאס קִינְד אִיז אַלְט גְוָוארְן אַכְט טָאג הָאט עֶס דֶער פָאטֶער מַל גְוֶועזְן
אַזוֹ וְוִיא גָאט בָּרוּךְ הוּא הָאט גְבָּאטֶן אִין דֶער תּוֹרָה אוּנ הָאט אִים
אַיין נָאמִין גֶעגֶעבִּין שְׁלֹמֹה אֶפְרָיִם:

נָאךְ דֶעם וְוִיא דָאס קִינְד אִיז אַלְט גְוָוארֶן אַיין חוֹדֶשׁ הָאט זִיךְ
הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אָן גְהוֹבֶּן צוּ דֶר בַּארֶמֶן אִיבֶּר רַבִּי אַהֲרֹן אוּנ זַיין
וַוייבּ אוּנ קִינְדֶער וְוִי דֶער קְנֶעכְט אִיז גְקוּמֶען אַריין וַוארְפִין דָס עֶסִין
אַזוֹ וְוִי זַיין מִנְהָג אִיז גְוֶועזֶן הָט עֶר גֶזֶעהֶן אַיין גְרוֹס לֶעכְט וָוס לַייכְט
אִין גְרוּבּ הָט זִיךְ דֶר קְנֶעכְט נִיט גְקֶענְט אוֹיף הַאלְטֶען אוּנ אִיז גְגַאנְגֶען
צוּם גְרוּבּ אוּנ רוּפְט אהרן אהרן וָואס פַאר אַיין לֶעכְט אִיז מִיט אַייךְ
אִין גְרוּבּ הָט אִים רבּי אהרן גֶעֶנְפֶערְט אַיין זוּן הָט מַיין וַוייבּ גִיבּוֹרֶען
וָואס זַיין שֵׁיינְקַייט גֶעפִינְט מֶען נִיט אִין דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט דָאס אִיז
דָאס לֶעכְט וָוס דוּא זֶעהְסְט· הָט זִיךְ דֶר קְנֶעכְט אוּם גְקֶערְט אוּנ
אִיז אַהֵיים גְגַאנְגֶען אוּנ הָאט פַאר קֵיין שׁוּם מֶענְטְשׁ גְרַאכְט:

וַיְהִי

ויהי אונ עס איז געווען דס אלע קנעכט זענין געשטאנן פאר דם דוכוס •
אונ דער דוכוס איז געזעסין אוף דר שטול אזו וויא זיין שטייגר איז געווען האט דר דוכוס געפרעגט ווער ווייסט עפיס פון דעם יודין מיט זיין ווייב אונ קינדר וס זייא זענין שון מער פון אהאלב יאר אין גרוב עס איז שון בוודאי קיין שום גדעכעניש פין זייא • הט דער קנעכט געזאגט היינט בין איך גראד גגאנגין לעבין גרוב מיין וועג הב איך געזעהין איין גרוס לעכט • האב איך מיך געקערט הין אונ אהער האב איך דר זעהין פון דם גרוב שיינט דאס לעכט אזו בין איך גגאנגן צום גרוב אונ אן גפאנגן צו שרייען אהרן אהרן • האט מען מיר שון געענטפערט פון דם גרוב דא בין איך האב איך איהם אזו גפרעגט אהרן דוא לעבסט נאך ענטפערט ער כיר מיר לעבין אלע • פרעג איך איהם ווער גיט איך עסין האט ער געענפערט איך ווייס ניט נאר גאט ברוך הוא מיט זיין פיל דר בארימקייט איז אונז מכפר ם ער ווארפט אונז אריין אלע טאג אונזר שפייז • פרעג איך איהם וואס פאר איין לעכט איז אין גרוב • האט ער מיר ענטפר געגעבין עס איז מיר גבורין גוואורין איין בן זכר פון איהם שיינט דם לעכט ער האט מיר גוויזין דאס קינד האב איך געזעהן אז ער זאגט אמת :
ויהי אז דר קנעכט האט אויף געהערט צו רעדין איז דר דוכוס זייער אין כעס אריין גקומן אונ זאגט ווי אזו טוסטו רעדין ווי איין משוגע איז דען מעגליך איין מענטש זאל קענין לעבן זיבין חדשים אן עסין האב איך דען ניט באפולין מען זאל איהם קיין עסין געבין האט איהם דען ניט שון דם מיסט פאר רעקט וום איך האב גיהייסין אלע טאג אין גרוב אריין שיטן ווער הט זיך
אונטר

אונטער גנומען מיין בפעל ניט צוא האלטען האט אים דער קנעכט
גענטפערט עס איז אזו אמת וויא איך דר צייל דיר פארט וואס
זאלסטו ניט גלייבען מיין האר מיר ווייסען שון פון לאנג אונ אוך
אונזערי עלטערן האבין דר ציילט אז די יודען טוט תמיד זייער גאט
וואונדער שלא כדרך הטבע ווארום זייער גאט פון זייערי עלטערין
האט זייא ליב ווייסטו דען ניט אז איין מלך האט זייער פאטער
אברהם געווארפן אין קאלך אויבען אונ גאט האט איהם מציל געווען
אונ אוך זייער גאט האט גישפייזט זעקס מאל הונדערט טויזענט מאן
הוץ ווייבער אונ קינדער אז זייא זענין פון מצרים ארוס גגאנגין אין
איין וויסט לאנד וואס דארט איז ניט געווען געזייעט פערציג יאר האט
זייא גאט דארטען גשפייזט מיט מן אונ וואכטלין פון דעם הימל
אלע טאג · פון איין שטיין האט זייא גאט וואסער געגעבן אונ נאך
מער וואונדער וואס מען קען גאר ניט אוס דער ציילען דאס קען קיינער
ניט לייקענין ווייל עס איז אין אונזערי ביכער אוך פאר שריבען אצונד
פאר וואס זאלסטו ניט גלייבין אז גאט האט דעם אהרן אוך גשפייזט
מיט נסים · תאטשי דוא האסט גהייסן דעם גרוב מיט מיסט פאר
שיטין ווער קען וויסען וויא אזו גאט האט דעם גרוב אום גריינגקט
עס זאל אים ניט שאדין דיינע קנעכט האבין דיין גזירה בוודאי מקיים
געווען גאט האט אבער אויף אים רחמנות גהאט אונ אויף זיין קינד
וואס האט בדארפט גבארין ווערין האט ער אים נסים געטאן וויא
צוא זיינע עלטערין אפשר ווילסטו מיר ניט גלייבען לאז דער האר
דוכוס אלין גיין צוא דעם גרוב וועסטו זעהן אויב איך זאג ליגין
אבער אמת · וימהר האט דער דוכוס גאיילט אונ האט גהייסן איין
שפאנין זיין קארעטע איז ער מיט זיין ווייב הדוכסה גפארען צו דעם
גרוב

נְרוּב הָאט דֶר דוּכּוּס גְרוּפֶן אהרן הָאט עֶר גֶעֶנְפֶרְט דָא בִּין אִיךְ מֵיין הַאר פְּרֶעגְט אִים דֶר דוּכּוּס וֶוער הָט אַייךְ גֶגֶעבִּין אַיֶיעֶר אוֹס נֵזֶעצְט בְּרוֹט אִיר זָאלְט מַאכִין לֶעבִּין אַיְיעֶרִי לֵייבֶּר הָט רבי אהרן אִיהְם גֵיעֶנְפֶּערְט מֵיין גָאט אוּנ גָאט פוּן מַיינִי עֶלְטְרֶן וָוס עֶר שְׁפֵּייזְט פוּן דֶר גְרֶעסְטֶר חַיָה וָואס עֶר הֵייסְט רְאֶם בִּיז דֶם קְלֶענְסְטִין וֶוערְמִיל דֶר הָאט אוּנְז אוֹךְ גְשְׁפֵּייזְט דוּרְךְ וֶועמִין וַויים אִיךְ נִיט זָאגְט דֶר דוּכּוּס וַוייז מִיר דֵיין קִינְד וָוס אִיז בֵּייא דִיר דָא גְבּאַרִין גְוָואַרִין הָאט אִים דִיא מוּטֶר גְוַויֶזְן דָאס קִינְד :

ויהי אוּנ אַז דֶר דוּכּוּס מִיט דֶר דוּכּסה הָאבֶּן גְזֶעהֶן דָס קִינְד אוּנ זֵיין שֵׁיינְקֵייט וָואס זֵיין גְלַייכֶן אִיז אִין דֶר גַאנְצֶר וֶועלְט נִיט דָא הָאט זִיךְ דֶר דוּכּוּס מִיט דֶר דוּכְּסה זֵייעֶר פַאר וואוּנְדֶרְט אוּנ דֶר דוּכּוּס הָאט קֵיין קִינְד נִיט גְהַאט הָאט גְזָאגְט דֶר דוּכּוּס צוּא רבי אהרן הֶער מִיךְ צוּא וָואס אִיךְ וֶועל דִיר זָאגֶן שֶׁענְק מִיר דָס קִינְד אִיךְ וֶועל אִים דֶר צִיעֶן עֶר וֶועט מִיר זֵיין פַאר אֵיין זוּן אוּנ דֵיין נָאמֶן זָאל נִיט גְדַאכְט וֶוערִין אוֹף אִיהְם אֵייבִּיג אַז דוּא וֶועסְט אַזוֹ טְאן וֶועל אִיךְ אַייךְ פְּרֵייא אוֹס צִיעֶן פוּן דֶם נְרוּב אוּנ וֶועל דִיר דִי הַארֶענְדֶע גֶיבִּין אוּם זִיסְט אָן רַאטֶע וַוייל דוּ וֶועסְט לֶעבִּין :

ויהי וויא רבי אהרן הָאט גְהֶערְט דִי רֵייד מהדוכס איז עֶר פַאר טוּמִילְט גְוָואַרִין עֶר הָאט נִיט גְוַויסְט וָוס צוּ עֶנְטְפֶרִין הָט עֶר זִיךְ אִין הַארְץ גְטְרַאכְט אַז אִיךְ וֶועל נִיט וֶועלִין אִיהְם שֶׁענְקִין דָס קִינְד וֶועלִין מִיר דָא אַלֶע פַאר לָארִין וֶוערִין דֶען נִיט אַלֶע טָאג מְרֶעפְט זִיךְ אֵיין נֵס עֶס אִיז בֶּעסִיר מַפְקִיר זַיין דָס קִינְד כְּדֵי מִיר זָאלֶן לֶעבֶּן בְּלֵייבֶּן הָאט רבי אהרן גְזָאגְט צוּם דוּכּוּס גוּט אַזוֹ וִוי דוּ זָאגְסְט אַזוֹ וֶועל אִיךְ טָאן אוּנ הָאט אַרוֹף דֶר לַאנְגְט דָאס קינד

קינד שלמה אפרים פון דעם גרוב האט דר דוכוס גאיילט אונ
האט תיכף איין אם צו גנומן אונ מען הט דס קינד גיבראכט צום
דוכוס אין הויז אריין אונ יאר איז צו אים געווען פאר איין זון אונ הט
רבי אהרן מיט זיין ווייב מיט זיין גאנץ הויז גזינד פרייא גלאזט
אונ דר דוכוס האט מקיים געווען וואס ער האט אים מבטיח געווען ·
דס קינד שלמה אפרים איז געווען אין הויז פון דעם דוכס זיין נאמן
שלמה אפרים האט דר דוכוס פון אים אפ גטאן אונ האט אים
איין אנדרן נאמן גגעבין דר דוכוס הט אים זייער ליב גהאט וואס
מיין אטאג האט ער דס קינד מעהר ליב גהאט זיין גאנץ לעבין
האט גהאנגין אין דעם קינד ווען ער האט דס קינד ניט געזעהין
איין שעה האט ער ניט גקענט איין רוען דאס קינד איז עלטר
געווארן האט מען אים אנטוויינט אונ דר דוכוס האט גמאכט איין
גרוסע סעודה פר אלע שרים וואס זענין געווען אונטר זיין ממשלה
גאט איז געווען מיט דעם קינד דר דוכוס האט גלאזט לערנין דאס
קינד אלי חכמות וואס עס גפונט זיך אין דר וועלט ביז ער איז
אלט געווארין צעהן יאר הט ער שון גקענט אלע חכמות הט אים
דר דוכוס נאך ליבער גהאט ער הט מיט דעם קינד בייא זאמין
געסין אונ גשלאפין דס קינד האט גרופין דעם דוכוס טאטי אונ
די דוכסה מאמי דס קינד הט ניט גוואוסט צו ער איז געבארין פון
איין ישראל וויל דר דוכוס הט אן גזאגט מען זאל אים ניט אום
זאגין פון דר גאנצר זאך :

בימים ההם אין דר צייט איז רבי אהרן דר פאטר מהנער געשטארבן
איז שוין דס ווייב מיט דעם גאנצין בני בית אוועק פון דר
אוהרענדע ממש זייער נאמן איז פר געסין געווארין שון אוף דעם אורט :

אתרי

אחרי הדברים האלה • הָט דֶר דוּכּוּס גְמַאכְט אֵיין גְרוֹסְן בַּאל אוֹף אַלֶע שָׂרִים • דִיא שָׂרִים הָאבִּין אַלֶע זֵייעֶר גְוואוּנְדֶערְט אוֹף דֶם שׁוּנְקַייט מֵהַנַעַר אוּנ נָאךְ מֶער אוֹף זֵיינֶע חכמות. עֶס אִיז נִיט גְוֶועֶן אֵיין חכמה. עֶר זָאל זִיא נִיט ווִיסְן הָאבִּין זֵיי זִיךְ אַלֶע זֵייעֶר גְוואוּנְדֶערְט הָט אִים דֶר דוּכּוּס נָאךְ מֶער לִיבּ גְהַאט :

ויאמר הַנַעַר הָט גְזָאגְט הַנַעַר צוּ דִי שָׂרִים. עֶס אִיז נִיט דָא אֵיין חכמה וָוס אִיךְ הָאבּ זִיא נִיט גְלֶערִינְט אוּנ זָאל זִיא נִיט גְרִינְטְלִיךְ פַאר שְׁטֵיין הָאט אֵיינֶר פוּן דִיא שָׂרִים גְזָאגְט אֶל הַנַעַר אִיךְ בִּין גְוֶועזְ אִין פַּארִיז הָאבּ אִיךְ דָארְט גְזֶעהֶן אֵיין כְּלֵי זֶמֶר אוֹף אֵיין גַייעֶ מָאדֶע וֶואס אַלִי חכמת הַמוּזִיקָא וָוס אִין אוּנְזֶרִי לֶענְדֶר גְפוּנֶן זִיךְ נִיט אוּם שְׁטַאנְד צוּ שְׁפִּילִין אוֹף דֶם כְּלִי זֶמֶר :

ויהי אַז הַנַעַר הָט דָם גְהֶערְט הָט עֶר גְרוֹיס חֵשֶׁק בֶּייא קוּמִין צוּ פָאֵרִין. קֵיין פַּארִיז. עֶר זָאל דָארְט לֶערְנִין נָאךְ דִי חכמה אוֹךְ דֶר דוּכּוּס הָאט אִים נִיט אָפּ גְשְׁלָאגִין דֶר פוּן אוּנ אִיז מִיט אִים גְפָאֶרְן קֵיין פַּארִיז. עֶר זָאל לֶערְנִין דָארְט דִי חכמה אִין אֵיין קֶערְצִיר צֵייט הָט דֶר נַעַר דִי חכמה אוֹיךְ אוֹיס גְלֶערִינְט הָטבֶּדֶר דוּכּוּס אִים גְקוֹיפְט דָם כְּלֵי שִׁיר אוּנ אִיז מִיט אִים אַהֵיים גְפָארִין מִיט גְרוֹיס פְרֵייד הָט דֶר דוּכּוּס גְמַאכְט אֵיין גְרוֹסִין בַּאל פַאר אַלִי אַנְדֶרִי דוּכְּסִים אוּנ שָׂרִים וְוִי זֵייא זֶענִין אַלִי לוּסְטִיג גְוָואַרִין פוּן דֶם וֵויין הָט הַנַעַר אָן גְהוֹבִּין צוּ שְׁפִּילִין אוֹף דֶם גַייעֶם כְּלֵי זֶמֶר • וָוס עֶר הָט גְבְּרַאכְט פוּן פַּארִיז הָאבֶּן זֵייא זִיךְ אַלִי שְׁטַארְק גְוואוּנְדֶרְט הָט דֶר דוּכּוּס אִים נָאךְ לִיבֶּר בֶּעקוּמִין :

ויהי כִּי ארכו הַיָמִים בִּיז הַנַעַר אִיז אַלְט גְוָוארִין דְרֵייצֶעהִין יָארְגֶער זאל

זָאל הַיְיב זַיין אָן הֵייבֶּן תְּפִילִין צוּא לֵייגִין אַזוֹ וִוי דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה הֵייסְט. עֶס אִיז נָאךְ גְוֶועְן אֵיין חוֹדֶשׁ צוּא דְרֵייצֶעהֶן יָאר וְהַנַעַר אִיז גְשְׁלָאפִין מִיט דֶם דוּכּוּס אִין אֵיינִים אִין אֵיין בֶּעטִיל הָט זִיךְ אִים גִחָלוּמְט אַז אֵיין אַלְטֶער מַאן שְׁטֵייט לֶעבֶּן אִים אוּנ זָאגְט אִים זָאלְסְט ווִיסִין אַז אִיךְ בִּין דַיין פָאטֶער אוּנ דוּ בִּיסְט מַיין זוּן דוּא הֵייסְט מִיט דֵיין נָאמֶן שְׁלֹמֹה אפרים אוּנ דֶר פָאטֶער הָט אִים דֶער צֵיילְט גָאר דִי גַאנְצִי מעשׂה וִוי אַזוֹ. עֶס אִיז מִיט אִים דֶר גַאנְגִין פוּן אָנְפַאנְג בִּיז לֶעצְט אוּנ ווִי אַזוֹ. עֶר אִיז גְבּוֹרִין גְוָוארִין אִין גְרוּב אוּנ זָאגְט אִים ווַייטֶער אִין חָלוֹם זָאלְסְט ווִיסִין מַיין קִינְד אַז נָאךְ אֵיין אֵיין חוֹדֶשׁ וֶוערְסְטוּ דְרֵייצֶעהֶן יָאר. וֶועסְטוּ שׁוּלְדִיג זַיין תְּפִילִין אָן הֵייבֶּן צוּ לֵייגִין אוּנ אוֹיךְ אִין אַלֶע מצות ווָאס אִין דֶר הֵיילִיגֶער תּוֹרָה שְׁטֵייט ווָאס גָאט הָט גְגֶעבִין דִי יוּדִין אוֹיף דֶם בַּארְג סִינַי זָאלְסְטוּ זֶעהֶן מַיין קִינְד זָאלְסְט אַנְטְלוֹפִין פוּן דֶם דוּכּוּס אִין אֵיין וַוייטִי שְׁטָאט אַרַיין כְּדֵי זָאלְסְט קֶענֶן ווִידֶער אֵיין יְהוּדִי בְּלֵייבִּין דוּ ווֶעסְט מִיט דֶר צֵייט זַיין אֵיין גְרוֹסֶער רַב אוּנ הִיט דִיךְ פוּן אַצוּנְד אָפּ פוּן דֶם יצר הרע הָט זִיךְ הַנַעַר אוֹיף גֶעוַואכְט פוּן דֶם שְׁלָאף אוּנ הָט דֶם חָלוֹם אִין גַאנְצִין גֵדֵיינְקְט הָט אִים אָן גְהוֹבִּין וַוייֶער דָס הַארְץ צוּ קְלַאפִּין אוּנ הָט אֵיין שְׁלֶעכְט פָּנִים בַּאקוּמֶן הָט אִים דֶר דוּכּוּס גִיפְרֶעגְט ווָאס הָאסְטוּ אַזוֹ אֵיין שְׁלֶעכְט פָּנִים בַּאקוּמֶן ווָאס בִּיסְטוּ אַזוֹ מְרוֹעֶרִיג אָבֶּר הַנַעַר הָט אִים עֶפִּיס פַאלְשִׁי תִּירוּצִים גֶעֶנְפֶרְט • אַזוֹ הָט זִיךְ אִים גְחָלֶמְת אַלֶע נַאכְט אוּנ אַלֶע מָאל מֶער. עֶר זָאל זֶעהֶן מַאכֶן צוּ אַנְטְרִינֶן. זַיין לֵייבּ פוּן דַאנִין ווִי עֶס אִיז גְקוּמֶן דִי ווָאךְ. עֶר הָט שׁוֹין גְזָאלְט בַּר מִצְוָה ווֶעדִין הָט אִים דֶר פָאטֶער אָן גְהוֹבֶּן צוּ שְׁרֶעקִין אוּנ שְׁלָאגֶן אִין חָלוֹם הָט זִיךְ דֶר יוּנְג אוֹיף

נהאפט

גְחַאפְּט מִיט אֵיין גְרוֹס צִיטֶערְנִשׁ אוּנ מִיט אֵיין גְרוֹס גְוַויין אוּנ הָט דֶער צֵיילְט דֶם דוּכּוּס דִי גַאנְצִי גֶשִׁיכְטִי אִיז דָס גְוֶועֶן אֵיין גְרוֹס ווְאוּנְדֶער דֶם דוּכּוּס ווַייל עֶר הָט גְוואוּסְט אַז דִי גַאנְצִי זַאךְ אִיז אֶמֶת פוּן הֶעסְט וֶועגִין הָט אִים דֶער דוּכּוּס אָן גְהוֹיבֶּן אוּם צוּ רֵיידֶן אוּנ הָט אִים גְזָאגְט צוּ וָוס זָאלְסְטוּ מֵיינֶן אַז חלומות הָט עֶפִּים אֵיין מַמָשׁוּת • פַאר וָואר אִיךְ הָאבּ דִיךְ גְמַאכְט גְוֵוינֶן אִיךְ בִּין דֵיין טַאטִי אַזוֹי אֵיין חכם וְוי דוּ בִּיסְט זָאלְסְטוּ גְלֵייבֶּן אִין חלומות • הַנַער אָבֶּער הָט זִיךְ נִיט גֶקֶערְט צוּ זֵיינֶע רֵייד אוּנ זִיךְ נִיט גְלָאזְט טְרֵייסְטֶן בְּשׁוּם אוֹפֶן:

ויהו אַז עֶס אִיז גְקוּמֶן דִי נַאכְט עֶר זָאל וֶוערִין דְרֵייצֶעהֶן יָאר אִיז רבי אהרן זֵיין פָּאטֶער נָאךְ אֵיין מָאהל גְקוּמֶן צוּ אִיהְם אוּנ הָט אִים אֵיין גְרוֹסֶן פחד גְמַאכְט מִיט שְׁלָאגִין הָט אָן גְהוֹבֶּן הַנַער זֵייעֶר צוּ שְׁרֵייעֶן יֶעמֶרְלִיךְ הָט זִיךְ דֶער דוּכּוּס אִיבֶּער גְשְׁרָאקֶן פַאר זֵיין גְשְׁרֵייא אִיז עֶר אוּף גְשְׁטַאנֶן אוּנ אִיז גַאנְגֶן אִין אֵיין אַנְדֶער חֶדֶר אַרֵיין אַזוֹ אִיז הַנַער גְבְּלִיבֶּן גַאנְץ אַלֵיין אִיז דֶער פָאטֶער גְקוּמֶן בְּהָקִיץ אוּנ הָט אִיהְם נַאקִיט אַרוֹס גְנוּמֶן פוּן דֶם בֶּעט אוּנ הָט אִים אַוֶועק גְטְרָאגִין קֵיין פְּרָאג אִין דֶער גֶעמְלִיכֶר נַאכְט אוּנ הָט אִיהְם אַנִידֶער גְשְׁטֶעלְט בֵּייא דֶער שׁוּל וָוס מֶען רוּפְט זִיא אַלְט נַייֶע שׁוּל אוּנ הָט גְזָאגְט דָא זָאלְסְטוּ שְׁטֵיין בִּיז עֶס וֶועט טָאג וֶוערִין אַזוֹ וֶועט קוּמֶן דֶער שַׁמָשׁ עֶפֶנֶן דִי שׁוּל אוּנ וֶועט דִיךְ פְרֶעגִין וֶוער בִּיסְטוּ זָאלְסְטוּ אִים עֶנְטְפֶערִין פִיר מִיךְ צוּם ראָש יְשִׁיבָה אַזוֹ וֶועל אִיךְ אִים וָוס אִין מֵיין הארץ אוֹיס זָאגִין אוּנ אַז דוּ וֶועסְט קוּמֶן צוּם ראָש ישיבה זָאלְסְטוּ אִים דֶער צֵיילִין דִי גַאנְצֶע מעשה וְוי אַזוֹ עֶס הָט זִיךְ מִיט דִיר גֶפִירְט פוּן דֵיין גְבּוֹרִין בִּיז אִין דֶער בַּר מִצְוָה אוּנ זָאלְסְט

אים

אים דר ציילן וויא דו קומסט אהער אונ איהם זאגן פון מיינט וועגן אז איך האב איהם זייער גבעטן ער זאל מיט דיר לערנין אונ זאל השגחה געבן אויף דיר :

ובעת ההיא איז געוועזן ראש ישיבה אין פראג · רבינו הגדול גאון הגאונים מהר״ר יודע ליווע בעל המחבר ספר גור אריה וואס ווערט גרופן מהר״ל מפראג אונ אזו איז געוועזן אז עס איז טאג געווארן איז דר שמש געקומן עפינין די ש״ל הט ער גזעהן איין נאקיט יונגעל שטיין הט אים דר שמש גפרעגט ווער ביסטו הט אים דס יונגעל גזאגט פיר מיך אפ צום ראש ישיבה הט אים הנער דר ציילט וואס מיט אים הט זיך גפירט פון זיין גבורין ביז אציגד ווי זיין פאטר הט אים אן גזאגט אונ אז ער הייסט שלמה אפרים אונ היינט ווערט ער בר מצוה אדינג הט ער אים דר ציילט אזו ווי מיר האבן גשריבן :

ויקח אותו מהר״ל מפראג · הט אים גנומען דר ראש ישיבה אונ הט אים אן גטאן תיכף קליידר אונ הט אן גהובן מיט אים צו לערנן אונ דער נער שלמה אפרים מיט זיין בריטען שכל אונ פיל פאר שטאנד אונ זיין הייליגע נשמה הט ניט לאנג גדויערט איז ער געווארן איין מופלג גדול גאט איז געוועזן מיט אים אונ אלע זייני וועגין הט ער באגליקט :

ויהי אונ אז דר שלמה אפרים איז געוועזן בייא דעם מהר״ל מפראג שוין צוויא יאר הט דר דוכוס גדענקט אין זיין שיינקייט אונ אין זיין חכמה איז דר דוכ״ס שרעקליך קראנק געווארן מחמת גרוים ליבשאפט אלע דאקטורים האבן גזאגט ער קען אנדערש קיין רפואה ניט האבן סיידן ער וועט גרייבן די זאך וואס ער גליסט

אודר

אודר ער זאל זיך גאר אויס די גדאנקין ארויס שלאגין אונ זאל מער די זאך ניט ברייגגן אויף זיין הארץ קען ער גהיילט ווערין • ויהי אז הדוכוס הט דס גהערט הט ער זיך פאר גנומן צו פארן

אין דר וועלט אזו לאנג ביז ער וועט אים גפונין אונ עס איז אזו גוועזן דר דוכוס הט מיט זיך גנומין זייער פיל געלט אונ איז גפארין פון שטאט צו שטאט אונ פון דארף צו דארף צו זוכן את הנער אויף איטליכן אורט ווי ער איז גקומין אונ וועמין ער הט באגעגינט אויף דעם וועג הט ער גפרעגט האט איר ניט געזעהן אזו איין יונג אזוי אונ אזוי איין פנים הט ער • הט אים איטליכער געענפערט גיין עס הט גדויערט איין צייט אונ איטליכר הט

גזאגט גיין מיר האבן ניט געזעהן אזוי איין יונג :

ויהי הדוכוס איז ווייטער גפארן הט ער באגעגינט איין בעטליר

הט ער אים גפרעגט דו גייסט אויס אזוי פיל שטעט אונ דערפיר האסטו ניט גהערט אודר געזעהן איין נער אזו אונ אזו איז זיין גשטאלט הט אים דר בעטליר געענפירט גיין איך וויים ניט הט דר דוכוס אן גהייבין צו וויינין אונ אים גבעטין טאמיר ווייסט יוא עפיס פון דעם נער הט אים דר בעטליר נאך איין מאל געענפירט אז איך זאל וויסן וואלט איך דיר בוודאי גזאגט גאר איך וועל דיר איין עצה גיבין דא ניט וייט אין וואלד זיצט איין מענטש ער וועט דיר בוודאי זאגין ווי ער איז נאר ווס ער וועט דיר הייסן טאן זאלסטו אים פאלגין הט דר דוכוס אזו גטאן אונ איז גפארין צו דעם וואלד אונ הט אים דארט גטראפין הט דר דוכוס פאר אים גוויינט אונ גבעטין איך האב גיהערט אז דו ביסט איין גרוסר קינצער אונ הט אים דר גיילט עס איז אים פון אים פלוצלינג

איין

איין נער אוועק עס גייט מיר אין מיין לעבין זאג מיר ווי ער איז הט אים דר מענטש גזאגט בלייבט דא ביא מיר איבר נאכט וועל איך וויסין אין דר פריא וואס צו זאגין הט דר דוכוס דארט איבער גנעכטיגט די נאכט אזו הט דר מענש גבראכט איין גאנצע נאכט מיט כישוף עס איז גקומין פריא זאגט ער איך ווייס שוין ווי ער איז אין פראג ביא איין הייליגין רב דר רב הט אויף אים זייער גרויס אויף אכט אונ היט אים זייער אפ עס זאל אים קיינער ניט קענין פון אים אוועק נעמין נאר איין עצה גיב איך דיר אוב דו האסט מיט דיר עפים איין זאך וואס דר נער הט תמיד לוסט גהאט דר צו נעם די זאך מיט דיר אונ פאר קיין פראג הט זיך דר דוכוס דר מאנט אין דם גייען כלי זמר וואס ער הט פון פאריז גבראכט אונ צו דם כלי זמר הט דם יונגעל זייער לוסט גהאט מיט דם הט ער אפ גפירט דם גאנצן טאג אזו הט דר דוכוס תיכף גשיקט אהיים נאך דם כלי זמר הט מען דם כלי זמר גבראכט איז הדוכוס מיט דם מענש גפארן קיין פראג:

ויהי אז זיי זענין גקומן קיין פראג איז שוין גוועזן נאכט האבן זיי גנעכטיגט אין איין הארבריג והרב מהר״ל הט שוין גוויסט מיט זיין רוח הקודש וואס עס טוט זיך הט הרב מהר״ל גרופן אלע זיינע תלמידים ויאמר אונ הט גזאגט הערט אויס מיינע תלמידים וואס איך זאג אייך אז איר זאלט נעמן דם נער שלמה אפרים אונ זאלט מיט אים לערנן די גאנצע נאכט ניט אויף הערן אונ איר זאלט די גאנצי נאכט ניט שלאפין אפילו אמינוט אונ צו האלטין שלמה אפרים מיט גוואלד ער זאל אגאנצי נאכט ניט ארויס גיין

גיין אונ אז ער וועט שרייען אונ אייך בעטן איר זאלט אים ארויס לאזן ווייל ער באַרף פון זיינעט וועגן זאלט איר אים ניט הערן איר זאלט אייך אויף אים ניט דר בארמן אונ איך וועל גיין אין מיין חדר אריין אביסיל זיך אפ רוהן איז הרב מהרל אוועק גיגאנגן אונ די תלמידים האבן אזוי גיטאן ווי ער האט זיי אן גיזאגט אונ האבן זיך גיזעצט מיט שלמה אפרים לערנען אין בית המדרש פון הרב מהרל אונ האבן אים שטארק גיהאלטן נעבן זיך ·

ויהי באישון הלילה עס איז גיוועזן פינצטער שפעט אין דר נאכט איז גיקומען דר דוכוס צו פארן מיט דר קאריטע פר דעם בית המדרש אזוי האט אן גיהויבן דר מענש אן צו צינדען דעם הארץ פון בנער שלמה אפרים ער זאל ארויס גיין פון דעם בית המדרש אזוי האבן אים די תלמידים מיט גרויס קראפט צו גיהאלטן אונ האבן אים ניט גילאזט האט ער אן גיהויב׳ צו שפילן אויף דעם נייעם כלי זמר וויא שלמה אפרים האט גיהערט דעם קול פון דעם כלי זמר האט ער זיך אן גיהויבן צו בעטן ביי די תלמידים זאלן אים ארויס לאזן זיי האבן אבער צו זיין גיבעט ניט גיקערט ווי דר האט גיזעהן אז ער קאן ניט ווערקן האט ער גיבראכט איין שטארקן שלאף אויף אלי מענשן וואס אין בית המדרש זענען גיוועזן איז נאר גבליבן דר נער שלמה אפרים וואס איז ניט גישלאפן אונ אז ער האט דר הערט נאך אמאל שפילן אויף דעם כלי זמר האט ער איין שפרינג גיטאן צום פענצטר אונ האט מיט זיין האנט אויס גישלאגן דעם פענצטר אונ איז ארויס האט דר דוכוס אים תיכף גיכאפט אין דר קאריטע אריין אונ זענען מיט אים אנטלאפן אין דעם הארבעריג אריין וויא די זאך איז גישעהן האט הרב

מהרל

מהרל אין שלאף דר פירט הט ער זיך אויף גיוואכט פון דעם שלאף אונ איז גילאפן אין בית המדרש אריין הט הרב דר וויסט אלי שלאפן אונ שלמה אפרים איז ניטא הט זיי הרב מהרל אלי אויף גיוועקט מיט איין גרוס ציטרניש אונ הט גישריגן מיט איין ביטר גישריי וויי וויי אוף דר היילגר נשמה ווס איז ווידר גיפאנגן גיווארן :

ויסע הדוכוס איז דר דוכוס גיפארן אהיים ער זאל ברייננן איין שריפט אז הנער שלמה אפרים איז יוא זיין זון דר וויל הט מען דעם נער אפ גיגעבן צוריק להרב מהרל: אין דר האנט אריין האט הרב מהרל זייער מורא גיהאט טאמיר וועט דר דוכוס יוא ברייננן פון מלכות פולין אז דס איז זיין זון ווארום אוף איין גס טאר מען זיך ניט סומך זיין הט הרב מהרל גרופן דעם נער שלמה אפרים אונ הט אים גזאגט דו ווייסט זייער גוט ווס פר יסורים איך האב שוין גליטן דורך דיר אצונד טאמר קומט יוא דר דוכוס צוריק מיט איין שריפט פון פולין אז דו ביסט זיין זון לבן מיין קינד איז מיין ראט דו זאלסט גיין צום ראש ישיבה קיין פרעסבורג ער איז איינר פון מייני חשובי תלמידים ער זאל אוף דיר השגחה געבן אזו ווי איין פאטר אונ איך וועל דיר מיט געבן אבריף מיט מיין אונטר שריפט אונ וועל אים שרייבן אלץ ווס מיט דיר איז דר גאנגן השם יתברך וועט דיר העלפן הט הרב מהרל גבענטשט אים אונ הט אים גיגעבן דעם בריף אין דר האנט אריין אונ הט אים אוועק גשיקט קיין פרעסבורג דעמאלט איז שלמה אפרים שוין אלט גיוועזן זיבצן יאר ויהי אז דר שלמה אפרים איז גיקומן קיין פרעסבורג אונ הט אפ גגעבן

גיגעבן די בריף פון הרב מהרל הט זיך דר ראש ישיבה זייער דר שראקן פון העכסט וועגין הט אים דר ראש ישיבה גזאגט מיין קינד זיץ דא ביי מיר איך וועל אויף דיר השגחה געבין איך זאל דיך אפ היטן זאלסט ניט ארויס פאלן נאך אמאל פארכט דיך ניט איז שלמה אפרים גיזעסן אין פרעסבורג אונ זיין נאמן הט אן גיהויבן צו גיין אלי מאל גרעבר ביז ער איז זייער גרוס גיווארן אונ גאט איז גיוועזן מיט אים :

ויהי עס איז גיוועזן איין מענש אין פרעסבורג איין גרוסר עושר ער הט גינומן דעם שלמה אפרים צו זיך אין הוז ארין אונ הט אים גיגעבן עסן אונ טרינקן אונ אן גיקלייד מיט שיינע קליידר אזו ווי זיין אייגן קינד ווייל דר עושר האט קיין זכרים ניט גהאט נאר איין איינציגע טאכטר ער הט זיך פאר גנומן ער זאל זיך מיט אים משדך זיין איז שלמה אפרים גיוועזן אין דעם עושרס הוז דריי יאר הט דר נער זייער נושא חן גיוועזן ווער עס הט אים גיזעהן :

אחר הדברים האלה הנער שלמה אפרים פלוצלונג מצורע גיווארן פון די פוס ביז צום קאפ האבן די דאקטורים גזאגט ער קען אנדרש ניט גהיילט ווערן חיידן ער זאל אלי טאג איי די זון גייט אויף אונ פר נאכט איי די זון פר גייט פארן אין שטאט שפאציר גארטן דארט זאל ער איין ערך פון צוויי שעה שפאצירן אונ זאל שמעקין דעם גוטן גשמאק ווס דארט איז פון די גוטי גראזן אונ גוטי בוסר אזו זאל ער זיבן יאכן טאן וועט ער גיהיילט ווערן פון די קרעץ הט דר עושר אזו גטאן אלי טאג הט ער אים גשיקט מיט זיין קאריטע אונ מיט זיין משרת

 אין

אין שפאציר גארטן אזו ווי די דאקטורים האבן גיהייסן הט מען גיזעהן בייש אנפערליך אז עס איז אלי טאג בעסיר וויא עס איז גקומן שון דר לעצטר טאג איז דר משרת מיט הנער גיפארן צום שפאציר גארטן הט זיך דר משרת גישטעלט מיט זיין קאריטע געבן טויאר ווי מען גייט אריין אין גארטן איז הנער שלמה אפרים גיגאנגן שפאצירן אזו ווי גוויינטליך ווי ער איז אזו אליין אריין גיגאנגן הט ער זיך גשטעלט אונטר אבוים אונ הט אן גיהובן צו טראכטן מיט זיינער ריינער מחשבה מיט אזו אשטארק טראכטן אז ער הט ניט מרגיש גיוועז ווי ער איז אונ איז אזו גישטאנען אונ הט זיך פון דעם אורט ניט גרירט דר משרת הט גזעהן אז ער זאמט זיך אונ קומט ניט צוריק הט דר משרת אן גיהובן צו שרייאן אונ צו רופן ביי דעם נאמן שלמה אפרים עס ענפרט אים אבר קיינר ניט איז דר משרת גיגאנגן אום זוכן אונטר דם בוים מיט גרוסי גדאנקן הט זיך דר משרת גיטראכט וואס זאל איך דא שטיין אזו איך קען אים ניט גיפונן מן הסתם גייט ער ארום אין גארטן אודר ער איז אויף אנגדר וועג אהיים גיגאנגן אזו איז דר משרת אהיים גיפארן ווי דר משרת איז אהיים גקומן הט אים דר בעל הבית גיפרעגט ווי איז שלמה אפרים הט אים דר משרת דר ציילט די גאנצי מעשה הט זיך הבעל הבית גיטראכט מסתמא איז ער אויף איין אנדר וועג גיגאנגן אונ בלאנזיט שלמה אפרים איז אבר טאקי אין גארטן גבליבן שפעט אין דר נאכט ווי ער איז אזו גישטאנען טאקי אונטר דעם בום פר טיפט אין גידאנקן הט ער דר זעהן איין אלטר מאן שטייט בר אים אונ זאגט צו אים גאט זאל דיך בענטשן זאלסט וויסן מיין קינד איך

בין

בִּין גְקוּמֶן דִיר זָאגֶן וָוס עֶס וֶועט זִיךְ מִיט דִיר טָאן דִי נַאכְט נָאך
דוּ זָאלְסְט דִיךְ נָאר נִיט פָארְכְטֶן ווייל גָאט אִיז מִיט דִיר נָאר וָוס
אִיךְ וֶועל דִיר זָאגֶן דָס זָאלְסְטוּ טָאן אַזוֹי הָט דֶער זָקֵן גְנוּמֶן דֶעם
שְׁטֶעקִין אוּנ זָאגְט דָא זָאלְסְטוּ זִיצֶן זָאלְסְט דִיךְ פוּן דַאנֶן נִיט רוּרֶן
בִּיז אִין דֶער פְרִי אוּנ הָט אִים גְזָאגְט אַז דוּ זָאלְסְט קֵיין וָוארְט
צוּ קֵיינֶם נִיט רֵיידֶן אַזוֹ אִיךְ וֶועל דָא פוּן דִיר אַוֶועק גֵיין וֶועסְטוּ
זֶעהֶן פֶערְד מִיט קַארוּטֶס אוּנ זֵייעֶר פִיל חַיִל וָוס דוּ הָאסְט נָאךְ
אִין דֵיין לֶעבֶּן אַזוֹי פִיל נִיט גִיזֶעהֶן דִי אַלֶע וֶועלֶן פַר דִיר דוּרְךְ
רֵייטֶן אוּנ דוּרְךְ גֵיין זֵיי וֶועלֶן שְׁפִּילֶן אוּנ טְרָמְפֵּייטֶערְן אוּנ פוֹיקֶן
אוּנ אוֹיף דִיר שְׁטוּרְמֶען זָאלְסְטוּ דִיךְ פַאר זֵיי נִיט פָארְכְטֶן דֶער נָאךְ
וֶועט ווִידֶער קוּמֶען אֵיין אַנְדֶער מחנה מִיט גְרוֹס שְׁטוּרֶם אוּנ וֶועלֶן
בְּרוּמֶן אוּנ שְׁרֵייעֶן אוּנ וֶועלֶן אוֹיף דִיר ווַארְפֶן פַייְלֶן אוּנ שְׁטֵיינֶער
זָאלְסְטוּ דִיךְ נִיט פָארְכְטֶן פַאר זֵיי אוּנ אַזוֹי וֶועט קוּמֶען דִי דְרִיטֶע
אוּנ דִי פֶערְדִי מחנה דֶער נָאךְ וֶועט קוּמֶען אֵיין גְרוֹסִי מחנה וֶועלֶן
זֵיי זַיין אָן גִיקְלֵייד מִיט פַאנְצֶערֶן מִיט אַזֶעלְכֶע קוֹלוֹת ווִיא דִינֶערְן
אוּנ בְּלִיצֶן אַצוּנְד הֶער צוּ וָוס אִיךְ הָאבּ דִיר אָן גְזָאגְט וֶועט דִיר
גוּט זַיין אוּנ דֶער זָקֵן אִיז פַאר הוֹילֶן גִיוָוארֶן פוּן אִים דֶער נַעַר הָט
דָס גִיזֶעהֶן אוּנ גִיהֶערְט אִיז אוֹיף אִים גִיפַאלֶן אֵיין גְרוֹיס פַּחַד אוּנ
הָט זֵייעֶר שְׁטַארְק אָן גְהוֹיבֶּן צוּ ווֵיינֶען מִיט אֵיין בִּיטֶער הַארְץ נָאר
עֶר הָט זִיךְ גְשְׁטַארְקְט מִיט דֶעם וָוס דֶער זָקֵן הָט אִים אָן גְזָאגְט
הָט עֶר זִיךְ גִיזֶעצְט אִין עִיגוּל אַלֵיין אוּנ הָט בַּהֶעפְט זַיין מַחְשָׁבָה
וָוס דֶער זָקֵן הָט אִים מוֹסֵר גִיוֶועזֶן אוֹיף אַמָאל אִיז גִיקוּמֶען אֵיין
גְרוֹסִי מחנה מִיט פֶערְד אוּנ רֵייט וֶועגִין אוּנ נָאךְ מתנות מִיט
פִיל חַיָילוֹת אוּנ אוֹיךְ דִי לֶעצְטִי מִיט אֵיין קַארִיטֶע וָוס [illegible]
גלייבן

גְלַייבְּעֶן אִיז נִיט דָא אוֹיף גָאר דֶער וֶועלְט אִין דֶער קַארִיטֶע אִיז גִיוֶועזֶען דֶר מֶלֶךְ אַלִי מחנות הָאבֶּן אִים זֵייעֶר אִיבֶּר גִישְׁרָאקֶן אוּנ גִיוָוארְפֶען אוֹיף אִים פַּיילֶן אוּנ שְׁפִּיזִין אוּנ פָארְכְטֶגִי שְׁטֵיינֶר זֵיי הָאבֶּן אָבֶּר גָאר אִים נִיט גִיקֶענְט טָאן וַוייל הנער הָט בַּהֶעפְט זַיינִי מַחֲשָׁבוֹת צוּ דִי כַּוָונוֹת אַזוֹ וִוי דֶר זָקֵן הָט אִים מוֹכֵר גִיוֶועזֶען אַז עֶס אִיז גִיקוּמֶען דִי מחנה מִיט דֶעם מלךְ אִיז גִיוָוארֶען אַזוֹ אַיין שְׁטוּרֶם אַז דִי עֶרְד הָט גִיצִיטֶערְט אוּנ דֶר מלךְ אִיז מִיט זַיין קַארִיטֶע גְלַייךְ צוּ גִיפָארֶען וִוי שְׁלֹמֹה אֶפְרַיִם אִיז גִיזֶעסֶען עֶר הָט זִיךְ אָבֶּר נִיט גִירִירְט אַזוֹ וִוי דֶר זָקֵן הָט אִים אָן גִיזָאגְט הָט דֶר דֶר מלךְ גִירוּפֶען שלמה אפרים קוּם אַהֶער צוּ מִיר שלמה אפרים הָט עֶר זִיךְ גָאר נִיט גִיקֶערְט צוּ זֵיינִי רֵייד הָט דֶר מלךְ אָן גהוֹבֶּן אִים אִיבֶּר צוּ שְׁרֶעקֶן מִיט אַזֶעלְכִי פְּחָדִים וָוס מֶען קֶען זִיךְ גָאר נִיט מְשַׁעֵר זַיין עֶר הָט אִים אָבֶּר גָאר נִיט גִיקֶענְט טוּן וַוייל עֶר הָט קֵיין שְׁלִיטָה נִיט גִיהַאט:

ויהי אַז דֶר מלךְ הָט גִירֶעט מִיט אִים הָט עֶר אִים אִיבֶּר גִירֶעט אוּנ הָט אִים אַרֵיין גִיזֶעצְט אִין קַארִיטֶע אוּנ הָט גִזָאגְט צוּ שלמה אפרים זָאלְסְטוּ וִויסֶען אַז אִיךְ בִּין דֶר ס״ם אוּנ דִי אַלִי מַחֲנוֹת זֶענִין מַיינִי אוּנ דוּ בִּיסְט אצוּנְד בַּיי מִיר שׁוֹן אִין דֶר הַאנְט אִיךְ זָאל טָאן מִיט דִיר וָוס אִיךְ וִויל נָאר אִיךְ הָאבּ רַחֲמָנוֹת אוֹיף דַיינִי יוּנְגִי יָאר אוּנ אוֹיף דַיינִי גְרוֹיסֶען פַּר שְׁטַאנְד אִיךְ וֶועל דִיךְ לָאזֶן אַהֵיים גֵיין נָאר דִי זַאךְ זָאלְסְטוּ טָאן דָס קְלֵיינִי בְּלַאט זָאלְסְטוּ נֶעמֶען פוּן מִיר אוּנ זָאלְסְט מִיר שְׁוֶוערֶען בַּיי גָאט אַז אַלִי טָאג אַלְסְטוּ לֵייאֶנֶען דָס בְּלַאט וַוייל דוּא וֶועסְט לֶעבֶּן אוּנ אוֹבּ דוּא וִוילְסְט נִיט בִּיסְטוּ אִין מַיין הַאנְט אַז שלמה אפרים הָט גִיזֶעהֶען אַז

עס איז קיין ברירה ניט האט ער דאס בלאט גנומען ביי אים אונ
האט גישוואוירן ביי גאט האט אים דער ס״ם גילאזט ווידער צוריק
אין גארטען אריין אונ ער איז אליין גיבליבען אין גארטען ביז עס איז
טאג גיווארען · הבוקר אור ווי עס איז טאג גיווארען איז שלמה
אפרים אהיים גיגאנגען זייער מיט אטרויעריג פנים אונ איז שוין ניט
גיגאנגען אין דער ישיבה אריין אזוי ווי זיין מנהג איז גיוועזען האבען זיי
אים גיפרעגט ווי ער איז גיוועזען אונ פאר וואס ער האט אזוי איין
שלעכט פנים · האט שלמה אפרים גיענטפערט ער איז איין גאנצי נאכט
אריין אין גארטען גיבליבען האט ער זיך איבער גישראקען עס איז גקומען
דער אנדערער טאג שלמה אפרים גייט וויטער ניט אין דער ישיבה
אריין אונ אז דעם דריטען פערדען טאג האט מען שוין אן גהויבען אויף
אים אכטונג געבען האט מען גזעהען אז ער איז שוין ניט מדקדק אין
מצות אזוי ווי פריר הכלל ער איז גאר פאר קערט גיווארען גלייך
עס איז גאר ניט דער שלמה אפרים וואס איז גיוועזען · איז זיין בעל
הבית גיגאנגען צו דעם ראש ישיבה אין האט אים דער ציילט וואס
עס טוט זיך אצונד מיט דעם שלמה אפרים האט דער ראש ישיבה
גשיקט נאך אים · האט ער ניט גיוואלט גיין האט דער ראש ישיבה
נאך איין מאל גישיקט אונ מען האט אים גבראכט · האט אים דער
ראש ישיבה גיזאגט אין דיין פנים דער קענט מען אז דו ביסט איין
אנדערער מענטש גיווארען האט שלמה אפרים גישוויגען אונ האט אים
ניט גיענפערט זאגט אים דער ראש ישיבה דער צייל מיר דייני
בגעגעניש וואס מיט דיר איז דער גאנגען האט ער אים קיין ווארט ניט
געענפערט · האט דער ראש ישיבה גיזאגט איך בין אויף דיר גוזר דוא
זאלסט מיר אויס דער ציילען אונ זאלסט פאר מיר דעם גאנצען אמת

זאגן

זאָגן האָט שלמה אפרים אָן גהויבן צו וויינען אונ האָט אים דער ציילט וואָס מיט אים איז אין גאָרטן דער גאַנגן פון גרויס ביז קליין אונ האָט גיוויזן דאָס בלאַט וואָס מען האָט אים גיגעבן ווי דער ראש ישיבה האָט אויף גיעפנט דאָס בלאַט האָט ער אָן גיהאַפּט זיך ביי די האָר אונ גישריגן · מיט איין יעמערליך קול ווי אַזוי הייליגי נשמה זאָל אַזוי גיכאַפּט ווערן אין דער האַנט אַ רייןהאָט דער ראש ישיבה גישווינד אויס גיקליבן צעהן תלמידים אונ האָט זיי גילערנט ווי אַזוי זיי זאָלן זיך טובל זיין אונ זענען גיגאַנגען מיט אים צו דער מקוה · דער הימל איז גיוואָרן פיל מיט וואָלקן אונ איין גרויסער רעגן האָט אָן גהויבן צו גיין מיט איין גרויסן שטאַרם · אונ נאָך דעם זענען אַלי אַהיים גיגאַנגען צום רב מיט גרויס שמחה וואָס מען האָט שלמה אפרים מציל גיווען זיין הייליגע נשמה אונ מציל גיוועזן פון דער שבועה וואָס ער האָט גישוואָרן אַז ער זאָל אַלי טאָג לערנען אויס דעם בלאַט דאָס איז פאַר ברענט גיוואָרן דער נאָך האָט גיזאָגט הרב ראש ישיבה צו שלמה אפרים דו האָסט גיזעהן וואָס מיט דיר איז דאָ ביי מיר דער גאַנגן ווייסט וואָס עס קען ווייטער נאָך אַמאָל עפּיס זיך טרעפן מיט דיר איך קען אַזוי פיל מלחמה ניט האַבן איבער דיר איך האָב מיר איין מאָל מיין לעבן איין גשטעלט איבער דיר אַצונד קער דיך צוריק קיין פּראָג צו אדמו"ר הרב מהרל וואָס ער וועט דיר אַצונד זאָגן וואָס דו זאָלסט טאָן זאָלסטו דיך ניט אָוועק גייגן פון זייני הייד ליטן אַז לשמאל דען זיין כח איז זייער גרויס ער זאָל דיך אָפּ היטן פון אים אונ איין בריב וועל איך דיר מיט געבן צו אים אונ וועל אים שרייבן וואָס מיט דיר איז דאָ דער גאַנגן אונ וואָס מיר האָבן גיטאָן ווי אַזוי דיך מציל צו

אין

זיין והנער שלמה אפרים הט אן גיהויבן גרוס תשובה צו טאן
אוף די טעג ווס ער הט פר בראכט אונ ער הט זייער גאט גבעטן
ער זאל אים מוחל זיין זייני זינד :

וישלח הט הראש ישיבה אוועק גשיקט שלמה אפרים מיט איין
בריף קיין פראג להרב מהרל ווס דא איז פאר גיגאנגן אונ
הנער שלמה אפרים איז אין דר צייט אלט גיווען ניינצען יאר •
איז נקומן שלמה אפרים צו הרב מהרל מפראג אונ הט אים
גיוויזן דעם בריב מהרב מפרעסבורג אונ הט אים אויך אליין
דר ציילט מקטן ועד גדול הט הרב מהרל גיזאגט נא אצונד
זאלסטו טאן ווס איך הייס דיר ווט גאט דיר העלפן אונ דוא
וועסט ביי גליקן זאלסטו תיכף פארן קיין לבוב אונ דארטן זאלסטו
קיין שום מענטש ניט זאגן אז דו ביסט איין למדן זאלסט דיך אזו
פר בארגן אז איטליכר זאל מיינן אז דו ביסט איין עם הארץ
אונ זאלסט דיר דארטן זוכן דיין פרנסה אבר פון דר נידריגסטער
מלאכה אונ דארט וועט דיר השם יתברך צו שיקן דיין זיווג אזו
ווי דו ביסט וועט איין גרויסי צנועה והסידה זאלסט אזו פר
בארגן זיין מיט דיין תורה אונ יראה עס זאל זיך קיין מענטש ניט
שטוסן אויף דיר אזו זאלסטו זיין פר העקט ביז עס וועט קומן דיא
צייט פון מיין פטירה וועל איך געבן צו די אנשי פראג בכתב
אוף דיר אז דו זאלסט נאך מיר זיין אין פראג רב וראש ישיבה
אונ זאלסט זיצן אוף מיין שטול אונ זאלסט דיך ניט לאזן בעטן
תיכף ווי מען וועט קומן נאך דיר קיין לבוב אונ וועסט זעהן מיין
טריפט זאלסטו תיכף דס רבנות אן נעמן אונ ביז דו וועסט קומן
קיין פראג זאלסטו פר קיינם ניט מגלה זיין ווס מיט דיר הט זיך גטאן •

ויעש

ויעש הט הנער ניטאן אזו ווי הרב מהרל הט אים גזאגט אונ
איז אוועק גפארן קיין לבוב אונ איז דארטן גיווארן איין טרעגר
אונ קיין מענטש הט ניט גיוויסט וואס ער איז ער הט זיך זייער פר
בארגן מיט זייני גוטי מעשים אונ מיט זיין תורה אונ הט גינומן
איין ווייב אזעלכי וואס הט גיקערט צו אים זיא איז גיוועזן איין
טרעגערס טאכטער זי איז גיוועזן אויך איין פר בארגני צנועה וויא עס
איז גיוועזן נאך דר חתונה הט ער זיך גקופט איין קליין הייזיל מחוץ
לעיר אונ הט זיך גמאכט איין פרנסה :

בימים ההם · אין דר צייט הט ער אן גיפאנגן מחבר זיין דם
טייערי ספר עוללות אפרים קיין מענטש הט דר פון ניט
גיוויסט · אויף אלי קאנטבאקען וואס ער הט גימאכט מיט די
משרתים איז גיוועזן זיין אונטער שריפט אפרים עוללות אזו איז רבי
שלמה אפרים גיוועזן פר בארגן מיט זיין תורה ויראה אין לבוב
ביז שנת שג לפק אין דר צייט הט גיגרייכט די פטירה מהרב מרן
מהרל זל הט ער זיין צואה גיגעבן לאנשי פראג זיי זאלן פארן
קיין לבוב אונ דארט איז דא איינר וואס הייסט רבי אפרים עוללות
דעם זאלט איר אויף נעמן פר איין רב ער זאל זיצן אויף מיין שטול
ער זאל זיין איין ראש ישיבה אין פראג האבן די שטאט לייט אוס
גיקליבן צוויי אנשים חשובים אונ האבן מיט גינומן גנוג געלט
אויף הוצאות אונ זענין גיפארן קיין לבוב אונ זענין אריין גפארן אין
איין הארבריג אריין אזו ווי דער שטייגר איז · הט דר בעל הבית
גיפרעגט די צוויי מענטשן וואס איז אייער גישעפט וואס האנדלט איר
דא האבן די מענטשן גיענטפרט מיר זענין ניט קיין סוחרים אונ
מיר זענין ניט גקומן דא האנדלן מיר זענין גקומן צום רב הגאון
רבי

רבי אפרים עוללות מיר ווילֶן אים אוף נֶעמֶן פַר אַיין רב אונ
ראש ישיבה קיין פְּרַאג • איז דֵי זַאךְ גִיוֶועזֶען ווי אַיין גִילֶעכְטֶער אִין
דִי אוֹיגֶן פון דֶעם בַעל הַבַּיִת אונ זָאגְט מִיט גְרוֹס גֶלֶעכְטֶער פון
מַיין יוּגֶענְט אָן בִּיז הַיינְטִיגֶען טָאג הָאבּ איךְ נָאךְ נִיט גְהֶערְט דָא אִין
לְבוּב זָאל זִיךְ גִיפִינֶען אַיין רב הגאון עֶר זָאל הַייסֶען רבי אפרים
עוללות זֶענֶען דִי צְווַיי מֶענְטְשֶׁען גִיבְּלִיבֶּען שְׁטֵיין פַר וְוינְדֶערְט אונ
הָאבֶּען גְזָאגְט מִיר זֶענֶען דָאךְ גְגֵייט אִים צוּ זוּכֶן טָאמֶער גְפִינְט עֶר
זִיךְ יוֹא הָט דֶער בַּעל הַבַּיִת נָאךְ שְׁטַארְקֶער גְלַאכְט הָט דֶער מְשָׁרֵת
דֶער הֶערְט ווי זֵיי רֵייךֶען אַזוֹ זָאגְט עֶר צוּ זַיין בַּעל הַבַּיִת זֵיי מֵיינֶען
אַוַודְאַי אפרים ייעטשניק עֶר אִיז זֵייעֶר אַיין פְרוּמֶער מַאן עֶר
מִתְמִיט זִיךְ אפרים עוללות הָט דֶער בַּעל הַבַּיִת אָן גִישְׁרִיגֶען אוֹיף
דֶעם מְשָׁרֵת אונ זָאגְט ווָאס מַאכְסְטוּ גִישְׁפֶּעט אוּם דִי מֶענְטְשֶׁען
זֵיי זֶענֶען יוֹא חֲשׁוּבִי מֶענְטְשֶׁען דֶער אפרים ייעטשניק הָאטְשֶׁי עֶר
מִתְמִית זִיךְ אפרים עוללות עֶר אִיז אָבֶּער אַיין גְרוֹבֶּער עַם הָאָרֶץ
אַיין בּוּר אונ זֵיי זָאגֶען רב וְוָאוּ הָט דֶער מְשָׁרֵת גִיזָאגְט נוּא ווַייס
איךְ נִיט פון קֵיין אַנְדֶערֶען אפרים עוללות חוּץ אִים:

ויהי אַז דִי צְווַיי מֶענְטְשֶׁען הָאבֶּען גִיהֶערְט דִי רֵייד פון דֶעם מְשָׁרֵת
הָאבֶּען זֵיי פַר שְׁטַאנֶען אַז דָס מוּז עֶפֶּיס זַיין אַיין פַר בָּארְגֶענִי
זַאךְ אַזוֹ הָאבֶּען זֵיי גִיזָאגְט צוּ דֶעם מְשָׁרֵת מִיר וֶועלֶען דִיר גֶעבֶּען פַר
דֵיין וֶועג זָאלְסְטוּ אוּנְז פִירֶען אונ ווַייזֶען ווי עֶר זִיצְט דֶער ווָאס הַייסְט
אפרים עוללות אִיז דֶער מְשָׁרֵת מִיט זֵיי גִיגַאנְגֶען אונ הָט זֵיי גִיווִיזֶען
דָס קְלֵיינִי הַייזֶעל ווי עֶר זִיצְט הָאבֶּען דִי מֶענְטְשֶׁען גִיזֶעהֶען אַיין
גִיהֶערְג צוּ בְּרַאכֶען הַייזֶעל אונ אִין שְׁטוּבּ גִיפוּנְט זִיךְ גָאר נִיט נָאר
אַיין צוּ רִיסֶן סִידוּר אונ זַיין ווַייבּ מִיט דִי קִינְדֶער גִיזֶעֶן זֵייעֶר אָפּ

גריסן איין לאטי אויף דער אנדערר אונ . ער אליין איז ניט גיוועזי
אין דער היים האבן . זיי גיפרעגט זיין ווייב ווי איז דיין מאן הרב
הגאון הט דס ווייב אן גיהויבן צו לאכן אונ זאגט צו זיי איך
בעט אייך איבר איר זאלט ניט שפעטן אום מיין מאן ווס איר
רופט אים הרב הגאון . ער פר שטייט ניט אין איין ספר . ער
איז אצונד אין וואלד אריין גיגאנגן אביסל האלץ אן האקן איך
זאל האבן מיט ווס עפיס צו קאכן . עס האבן אייך שפעטערס
גמוחט זאגן אויף מיין מאן אז . ער איז הרב הגאון האבן די צוויי
מענטשן גיזאגט צו איר מיר שפעטן ניט פון דיין מאן נאר דער
זמת איז אז מיר ווייסן אז דיין מאן איז יוא הרב הגאון וקדוש
מיר בעטן דיך גיי אונ רוף אים מיר האבן צו אים זייער איין
גרויסי זאך די אשה הט אין בוך גישפעט אום זיי פון דעסט
וועגין הט איר די רייד איין גרויסן דריק גימאכט צו וויסן
ווס דא וועט דער סוף זיין איז זי גיגאנגן רופן איר מאן :

ויהי אז איר מאן איז גיקומן אהיים איז . ער גיגאנגן זייער אין צו
ריסעני קליידר אונ איין בונד מיט האלץ אויף זיין אקסיל
אונ מיט די מענטשן קיין ווארט ניט גירעט אונ הט זיי קיין שלום
ניט גיגעבן האבן די מענטשן אן גיפאנגן אונ האבן אים גיזאגט
רבינו דו האסט איין בריף פון מרן הרב מהרל מפראג ווי רבי
שלמה אפרים הט דעם בריף איבר גילייאנט הט . ער צו ריסן נאך
מער די קליידר אויף זיך אונ זאגט ווי ווי דער רבי איז שוין ניט
דא אונ הט זייער שטארק גיוויינט אונ הט אים אן גיהויבן צו
בקלאגן ווי די מענטשן האבן גיזעהן זיין וויינען אונ קלאגן האבן
זיי שון זיכר גיוויסט אז אים הט הרב מהרל זל גימיינט . ער
זאל

זָאל זַיין רָב ורֹאשׁ ישיבה דֶר נָאךְ חָאבֶּן זַיי מִיט אִים אָן גְהוֹבֶּן צוּ שְׁמִיסֶן וֶוענִין דֶעם רַבְּנוּת הָט עֶר זַיי גְּיֶענְפֶֿערְט דִי זַאךְ אִיז רֶעכְט פַר מִיר אִיךְ בִּין גִיגְרֵייט מְקַיֵים צוּ זַיין וָוס דֶר רִבִּי הָט גִיהֵייסֶן נָאר וִוי אַזוֹ קָאן אִיךְ פָֿארֶן אִין אַזוֹ אַגְרוֹיסֶר שְׁטָאט אַרֵיין פַר אֵיין רב ורֹאשׁ ישיבה אַז אִיךְ אוּן מֵיין וַוייבּ אוּן מֵיין גַאנְץ בְּנֵי בַּיִת גֵייעֶן אַזוֹ אָפּ גְרִיסֶן הָאבֶּן דִי מֶענְטְשֶׁן תֵּיכֶף אַרוֹס גְנוּמֶן פִֿינֶף הוּנְדֶערְט רֵיינִישׁ אוּנ הָאבֶּן אִים גִיגֶעבֶּן עֶר זָאל זִיךְ אוּן זַיין וַוייבּ אוּן דָס גַאנְצִי בְּנֵי בַּיִת בַּיי קְלֵייְדֶן אוּנ קוֹיפֶֿן צִירוּנְג עֶס זָאל זַיין לְכָּבוֹד הָט רבי שלמה אפרים דָס גְנוּמֶן אוּנ זָאגְט צוּ זַיי אִיךְ נֶעם אָן דָס רַבָּנוּת נָאר אִיר זָאלְט קֵיינֶם נִיט זָאגֶן וָוס אִיר זֶענְט גְקוּמֶן אוּנ אִיךְ וֶועל מִיר בִּיסְלֶךְ וַוייס קוֹיפֶֿן קְלֵיידֶר אוּנ צִירוּנְג בִּיז דְרַיי חֲדָשִׁים נָאךְ דִי דְרַיי חֲדָשִׁים זָאלְט אִיר ווִידֶר קוּמֶן וֶועל אִיךְ מִיט אֵייךְ פָֿארֶן קֵיין פְּרָאג הָאבֶּן דִי מֶענְטְשֶׁן גִיטָאן אוּנ זֶענִין פוּן אִים אַוֶועק גִיגַאנְגֶן מִיט אֵיין פְרֵיילֶיךְ הַארְץ דִי מֶענְטְשֶׁן זֶענִין אַהֵיים גִיפָֿארֶן אוּנ הָאבֶּן קֵיין מֶענְטְשֶׁן נִיט גִידַאכְט פוּן דֶר גַאנְצֶר זַאךְ וִוי זַיי זֶענִין אַוֶועק גִיפָֿארֶן׃ אִיז רבי שלמה אפרים מִיט זַיין וַוייבּ גִיגַאנְגֶן אִין דִי גַאסֶן אַרֵיין אֵיין צוּ קוֹיפֶֿן אֵיינְצֶג וַוייס קְלֵיידֶר אוּנ צִירוּנְג טֵייעֶרִי׃

והנה נִיט וַוייט פוּן לְבוּב אִיז גִיגַנְבֶת גִיוָוארֶן בַּיי אֵיין גְרוֹסֶן שַׂר אֵיין גְרוֹסִי גְנֵבָה הַיְינוּ פוּן טֵייעֶרִי זַאכֶן אוּנ אוֹיךְ פִיל מְזוּמָן גֶעלְט ווִי מֶען הָט גִיזֶעהֶן אַז רבי שלמה אפרים וָוס וֶוערְט גְרוּפֶֿן אפרים ייעטשניק אַז עֶר קוֹיפְט אַלִי טָאג טֵייעֶרִי זַאכֶן הָאבֶּן אַלִי גִזָאגְט נִיט אַנְדֶערְשׁ נָאר דִי גְרוֹסִי גְנֵיבָה אִיז אִים גִיקוּמֶן אִין דֶר הַאנְט אַרֵיין. דִי זַאךְ אִיז אָן גְקוּמֶן צוּ דֶעם שַׂר וָוס מֶען הָט אִים

בַּיי גַנְבֶת הָט מֶען רבי שלמה אפרים אִין קְרֶעמֶנַאל אַרַיין גְנוּמֶן מִיט זַיין וַויבּ אוּנ קִינְדֶר אוּנ וָוס מֶען הָט גִיפוּנֶן בַּיי אִים הָט מֶען צוּ גִינוּמֶן אִיז רבי שלמה אפרים גִיזֶעסֶן אִין קְרֶעמֶנַאל. עֶס הָט זִיךְ אוּם גִילָאזְט דִי דְרַיי חֳדָשִׁים וָוס. עֶר הָט דִי צְוַויי מֶענְטְשֶׁן פוּן פְּרָאג צַייט גִגֶעבֶּן דִי מֶענְטְשֶׁן זֶענִין גְקוּמֶן. קַיין לְבוּב זָאלֶן אִים שׁוֹן אַרוֹם נֶעמֶן. קַיין פְּרָאג אוֹיף דֶעם רַבָּנוּת זֶענִין זֵיי אֵיין גְשְׁטַאנֶען אִין אֵיין גַאסְט הוֹז הָאבֶּן זֵיי גִיפְרֶעגְט אוֹיף אפרים ייעטשניק הָט מֶען זֵיי דֶר צֵיילְט אַז אפרים מִיט זַיין וַויבּ אוּנ קִינְדֶר זִיצְט אִין קְרִימֶנַאל אִיבֶּר אֵיין גְרוֹסִי גְנֵבָה וָוס עֶר הָט גִיטָאן אוּנ מֶען אִיז גִיוָואר גִיוָוארֶן פְּלוּצִים וַוייל עֶר הָט אָן גִיהוֹבֶּן צוּ קוֹיפֶן טֵייֶערִי קְלֵיידֶר אוּנ צִירוּנְג וִוי דִי מֶענְטְשֶׁן הָאבֶּן דָס דֶר הֶערְט זֶענִין זֵיי גִיגַאנְגֶען אִין קְרִימֶענַאל אַרַיין אוּנ הָאבֶּן גִיזָאגְט אַז זֵיי הָאבֶּן אִים גִיגֶעבֶּן דָס גֶעלְט אַז עֶר זָאל זִיךְ אֵיין קוֹיפֶן פַר זִיךְ אִין פַר זַיין וַויבּ קְלֵיידֶר אוּנ צִירוּנְג אוּנ הָאבֶּן גִישְׁווֹארֶן אוֹיף דֶעם אוּנ הָאבֶּן נָאךְ אוֹיס גִיוִויזֶן מִיט דֶעם עֶרְשְׁטֶן מִשְׁמֶרֶת וָוס עֶר הָט זֵיי אָפּ גִיפִירְט צוּ אִים אוּנ הָאבֶּן דֶר צֵיילְט דִי גַאנְצִי מעשה הָט דָס קְרִימֶנַאל רִיכְט גִיזֶעהֶן אַז עֶר אִיז נִיט שׁוּלְדִיג אִין דֶר דָאזִיגֶער זַאךְ אַזוֹ הָט מֶען אִים מִיט זַיין וַויבּ אוּנ קִינְדֶר פְּרַיי אַרוֹס גִילָאזְט אוּנ מֶען הָט אִים אָפּ גְגֶעבֶּן וָוס מֶען הָט בַּיי אִים פְּרִיעֶר צוּ גְנוּמֶן אוּנ דֶר נָאךְ הָאבֶּן דִי עַנְשֵׁי פְּרָאג אִים גִינוּמֶן אוּנ זֶענִין מִיט אִים גִיפָארֶן. קַיין פְּרָאג אַזוֹ אִיז אִים גַאנְץ פְּרָאג אַקֶעגִין גִיגַאנְגֶען אוּנ הָאבֶּן אִים אַרַיין גִיפִירְט אִין שְׁטָאט אַרַיין בְּכָבוֹד גָדוֹל אוּנ הָאבֶּן אִים גִיזֶעצְט אוֹיף דֶר שְׁטוּל פוּן רַבָּנוּת דֶענְסְט מָאל הָט עֶר מְסַיֵים גִוועֶן דֶעם טַייֶערֶן סֵפֶר עוללות אפרים אוּנ עֶר הָט זֵיי

דר

ציילט די חסדים װאס גאט האט אים געטאן פון זיין געבאָרן אָן ביז ער איז אצונד ראש ישיבה געװאָרן אונ דאס איז געװעזן שנת שלג ליצירה השי"ת זאל בזכות הצדיק הזה טאן מיט אונז כל ישראל חסדים מיר זאלן אויך קענין דר ציילן די חסדים װאס גאט האט מיט אונז געטאן פון אן הויב גלות עד ביאת המשיח במהרה בימינו אמן :

מעשה

אין דר שטאט לובזענץ איז געװעזן איין רב ער האט געהייסן רבי שמואל אויך אין דר שטאט איז געװעזן איין קלעגר װאס האט געהאט מחלוקת מיט די הויפט לייט אין דר רב האט געהאלטן מיט די הויפט לייט איבר דעם איז ער געװאָרן איין גרויסר פיינט דעם רב האט ער דעם רב בקלאגט צו דעם שר פון דר שטאט אזו האט מען דעם רב גנומען אין דר תפיסה אריין אונ מען האט אויף אים געלייגט איין קנס פון איין גרויסי סאמע געלט ביז ער װעט דעם קנס ניט צאלן זאל ער זיצן אין דר תפיסה · אין איין קורצר צייט איז דר רב זייער קראנק געװאָרן מחמת גרוס צער ; אין דר צייט איז געװעזן יריד אין דאנציג אונ דר קלעגר אונ נאך פיל מענטשן פון דר שטאט לובזענץ זענין אויך געװעזן אויף דעם יריד אונ עש"ק האט דר רב געהאט יאר צייט נאך זיין מוטר אזו האט דר רב נאך גזאגט קדיש אין דר פרי אונ זייגר צװעליף איז ער געשטארבן · פר זיין שטארבן האט ער געזאגט אז ער איז ניט מוחל דעם קלעגר אונ צו אלי מענטשן װאס האבן געהאלטן מיט דעם

קְלֶעגֶר • ווי עֶס אִיז גְקוּמֶן דִי צַייט וָואס מֶען גֵייט אִין שוּל אַרַיין
פַּר נָאכְט הָאט פְּלוּצִים דֶר קְלֶעגֶר אִין דַאנְצֶע אָן גִיהוֹבֶּן צוּ
שְׁרַייאֶן מִיט אֵיין בִּיטֶר גִישְׁרַיי ווייא מִיר ווייא דֶר רב פוּן לוּבּוֶענְץ
אִיז גִישְׁטָארְבֶּן אוּנ רוּפְט מִיךְ צוּם מִשְׁפָּט נֶעבֶּן אִים שְׁטֵייט דֶר
פָאטֶר אוּנ זַיין מוּטֶר אוּנ ווינְקֶען מִיר אִיךְ זָאל גֵיין דִי מֶענְטְשֶׁן וָואס
הָאבֶּן גִיהֶערְט דָס גִשְׁרַיי זֶענִין זֵייעֶר דֶר שְׁרָאקֶן גִיוָוארֶן זֵיי הָאבֶּן
גְמֵיינְט אַז עֶר אִיז מְשׁוּגָע גִיוָוארֶן הָט עֶר נָאךְ אַמָאל אָן גְהוֹבֶּן
צוּ שְׁרַייאֶן מִיט אֵיין מְשׁוּנֶה קוֹל מוֹרִי וְרַבִּי אִיךְ בֶּעט דִיךְ אִיבֶּר
אִיךְ וֶועל אַלִי דַיינִי מֶעכְטֶער נֶעמֶן גֶעבֶּן ווייל דֶר רב הָט אִיבֶּר
גִילָאזְט עֶטְלֶעכִי טֶעכְטֶער • אוּנ הָט גִיבֶּעטֶן דִי מֶענְטְשֶׁן וָואס זֶענִין
דֶר בֵּיי גִשְׁטַאנֶען זֵיי זָאלֶן בֶּעטֶן דֶעם רב מְחִילָה הָט אָן גְהַאפְּט
דִי אַלִי מֶענְטְשֶׁן אֵיין גְרוֹס צִיטֶרְנִישׁ פַּר פַּחַד פוּן זַיין גִשְׁרַיי הָאבֶּן
אַלִי מֶענְטְשֶׁן אָן גְהוֹבֶּן דֶעם רב מְחִילָה בֶּעטֶן הָאטְשִׁי זֵיי הָאבֶּן
נִיט גִיזֶעהֶן דֶר נָאךְ הָאבֶּן זֵיי גִיפְרֶעגְט דֶעם קְלֶעגֶר וָואס זָאגְט
אַצוּנְד דֶר רב הָט עֶר גֶענְפֶרְט עֶס אִיז אִים זוּכְט אֵייעֶר בֶּעטֶן
אוּנ אוֹיךְ זַיין פָאטֶער אוּנ מוּטֶר זָאגֶן רָשָׁע דוּ הָאסְט אוּנְזֶער זוּן גְהַרְגֶעט
אִיז עֶר גִשְׁטָארְבֶּן אוּנ דִי אַלִי מֶענְטְשֶׁן וָואס הָאבֶּן אַמַייל גִהַאט
זֶענִין אַלִי פַּר אָרוּמְט גִוָוארֶן אוּנ גִשְׁטָארְבֶּן אִין גְרוֹס דַלוּת דִי
מַעֲשֶׂה אִיז גִשֶׁעהֶן אִין שְׁנַת תקכז פוּן דֶר מַעֲשֶׂה קֶען מֶען זִיךְ
אֵיין גְרוֹסֶן מוּסָר אַרוּס נֶעמֶן אַז עֶס אִיז דָא דִין וְחֶשְׁבּוֹן נִיט ווִיא
דִי רְשָׁעִים זָאגֶן מִיר וֶועלֶן טָאן וָואס דָס הַארְץ גְלוּסְט וָוארֶן לֵית
דִין וְלֵית דַיָין דִי מַעֲשֶׂה וֶוערְט אִין סֵדֶר הַדּוֹרוֹת אוֹיךְ דֶר צֵיילְט
אוֹיף לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ :

מעשה

מעשה

מעשה איין רייכר מאן האט גיהאט איין איינציגן זון דער זון האט אבער ניט גלעבט אזו ווי איין עושר'ס איין זון שטייט אן ער פלעגט שטענדיג ארום גיין פר זארגט ער האט ניט גקאנט ביי נאכט שלאפן מיט אזעלכי עגמת נפש פלעגט ער ארום גיין · אין דער שטאט איז גוועזן א נזיר דאס מיינט מען אזו איין מענטש וואס ער איז גוועזן אפ געשייד פון מענטשן וואס ער טאר ניט עסן קיין פלייש אונ טאר ניט טרינקן קיין וויין · אזו האט זיך מישב גוועזן דער עושר אונ האט גיגעבן זיין זון צו דעם נזיר בכדי דער נזיר זאל מיט אים ארום גיין אונ זאל אים זיין טרויעריקייט פון דעם קאפ ארויס שלאגן אויף איין מאל ווי זיי זענען ביידי געגאנגן אזו רופט זיך אן דעם עושר'ס זון צו דעם נזיר מיין פריינד איך ווייס ניט אוב עס איז פר האנדן איין מענטש אויף דער וועלט ער זאל לעבן מיט שמחה דאס הייסט מיט פרייד · אזו האט זיך אן גרופן דער נזיר צו דעם עושר'ס זון קום מיט מיר איך וועל דיר ווייזן אזו איין מענטש וואס לעבט יוא מיט שמחה דער נזיר האט דעם עושר'ס זון גפירט אונטער דער שטאט דארטן איז גיזעסן איין בעטלער מיט זיין ווייב זיי האבן גיהאט זייער שטוב איז גוועזן איין טיפר גרוב אין דער ערד אונ פון אויבן איז גוועזן ביי דעקט שטרוי אין דער שטוב איז נאר גלעגן אן גלייגט שטרוי בכדי זיי זאלן האבן אויף וואס צו שלאפן ארום נאקט זענען זיי בוודאי גוועזן קורץ איך קען אייך ניט אזו פיל ארום שרייבן דאס עלענדקייט וואס דארט איז גוועזן דעם עושר'ס זון איז נאר געשטאנען אונ האט די ביידי לייט היינו דעם

בעטלר

בעטלר מיט דעם ווייב זייער בטראכט ווייל ער הט צו גזעהן דס ארמקייט וס דארטן איז גוועזן ווי דר נזיר הט גזעהן אז דס עושרס זון בטראכט דס ארמקייט אזו רופט זיך אן דר נזיר צום עושרס זון זעהסטו גוט ווי אזו זיי זענין ארום פון הערסט וועגן אז דו זאלסט וועלן דא נעכטגן וועסטו זעהן ווי פרייליך זיי לעבן זיך אונ ווי עס ווערט אלדונג מיט שמחה גפירט הכלל דעם עושרס זון איז זייער גערן גוועזן צו נעכטגן בכדי ער זאל זעהן ווי אזו די לייט וועלן דעם אוף דר נאכט אפ פירן:

נוא לאמר דם עושרס זון מיט דם נזיר לאזן זיצן אונ מיר וועלן פון דעם בעטלר מיט זיין ווייב אן הייבן צו שמיסן・ ווי עס איז גקומן פר נאכט אזו זענין דס פאר פאלק היינו דר בעטלר מיט זיין ווייב אהיים גקומן פון דעם בעטלריי כמו דר סדר איז אז דעם גאנצן טאג גייט מען ארום בעטלן אונ אז עס קומט אקעגן נאכט אזו גייט זיך יעדר אוף זיין אורט אפ רוען:

בקיצור די לייט זענין גקומן אונ האבן פון זיך די טארבס אראפ גלייגט אונ האבן זיך נעבך אביסל גזעצט אפ רוען ווי אזו זיי זיצן היבן זיי אן צו קלערן וס דר נאכט מאל זאל זיין ער הט גזאגט מען דארף ניט מער נאר פר איין גרייצר קנאבל ברוט האבן מיר וס דארפן מיר מער דם ווייב הט אבר גזאגט מיין טייערר מאן ווי וועל איך קענין צו זעהן אז מיין טייער לעבן ווי דו ביסט זאל אפילו קיין נאכט מאל ניט עסן וס פר אחילוק וועסטו וויסן פון מיטאג ביז נאכט מאל דם הייסט פון ווארעמס ביז וועטשערי ניט גנוג מיר האבן דס ווארעמס גיגעסן זאלן מיר נאך וועטשערי אוך דס עסן גיין דם וועל איך ניט צו לאזן אזו פרעגט זי דר מאן איין

טייער